STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04201

OFENE TOYERN

L. Mates

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מאטעס

אפענע טויערן

ארויסגעגעבען פון דער
ליטעראַרישער גרופּע,
דוד עדעלשטאַט בּרענטש 450 אַרב. רינג,
לייבּאַר לייסעאום,
ליידיס עדיוקיישיאַנאַל קלוב
דענווער, קאַלאָ.

MATTES LUNIANSKY LUNE
Copyrighted by

Denver Colo.
1 9 2 3

צו די ארויסגעבער

מיין ערשטער שניט.
די זאנגען אין סנאפעם צונויפגעקליבן.
שטיי איך אין גאלד פון דער גליענדער עלול זון,
מיט די אויגן צו דער וועלט געווענדט
און מיט דאנקבארקייט צו אייך
אין הארצן.
איר האט די זאנגען אין סנאפעם צונויפגעקליבן, —
צו אייך מיין ליבּ,
מיין ליד.

אינהאַלט־פאַרצייכניס

	זייט
קאָלאָראַדאָ	7
אַפּגעריסענער צווייג	24
גאָלד	56
דער איד	64
העפקער	68
אין יענעם טאָג	78
אַן אַ פייגנבלאַט	90
שטערן־שטויב	114
טשאַריטי	120
דע פּראָפאַונדיס	130
פעלד־בלומען	136
אין חורבע	158
קינדער לידער	176

———(:)———

אדרעס:
Ofene Toieren
1393 Perry Street
Denver, Colo.

קאָלאָראַדע

ליבע'ן און דזשולים'ן
געווידמעט.

א.

איך הויב אויף מיין ליד
אין געזאנג צו דיר, קאלאראדע,
מיין קאלאראדע!

קינסטלער,
מיט פענזל, דלאט, ווארט און קלאנג,
מיט אייערע עמפינדלאכע נעשאמעס און וויזיאנערישן בליק
אהער!
זעט ווי עס קעפן בארג אריבער בארג
קאפ־אויף־קאפ, קאפ־אויף־קאפ!
און ווי טאלן פאלדן זיך אראפ,
טאל־אין־טאל, טאל־אין־טאל!
בליקט
און כאפט אויף דעם מאגישן ליכט־און־שאטן שפיל;
באטראכט
די מאסיווע קאלאנאדן, שלעסער, קאטעדראלן,
אינ׳ם ריזיק־רייך־פארביקן שטיין אויסגעהאקט.
הערט זיך צו צו דעם ליד
פון די צעז־טויזנטער נאדלבוימער אינ׳ם לויף פונ׳ם ווינט;
פארנעמט די סימפאניעס
פון די פאלנדע אראפ־פאל־אראפ וואסערפאלן,
פון די יאגנדע, שטיין־פון־שטיין טראגנדע וואסערשטראמען;
און אטעמט איין די טיף־ווייטע־שטילקייט פון די בערג,
דעם ווייסן כאלעם
פונ׳ם זילבערנעם אין־זון־שמעלצנדעם־ניט־צעשמאלצענעם שניי;
און הויבט אויף אייער שטים מיט מיר אין כאר,
און פארקלינגגען זאל אונדזער ליד
יעדן בארג־שפיץ,
טאל,
יעדן וואסערפאל, וואסערשטראם, הייל און קעניאן —
אין דער וואונדערלאכער,
בלוי־הימלדיקער קאלאראדע,
א, קאלאראדע!

ב.

איך וואלט וועלן כאפן דעם מעכאשעף פון די ראקים,
ווען, פארטיפט אין שפיל, ער ווארפט א ליכט נאך א ליכט
און בלענדט מיט שאטנס,
פארבן פיל —
די בערג.

זעט איר?
עס הילן זיך די בערג
אין פרימארגנדיקן ליכט,
ווי א יונגפרוי נאך דער כופה נאכט —
פארשעמט,
און ליב און צארט
אין רויז־ראזלאכער באוועגונג.

און אט פלאמט אויף איר ווייבערשער קאפריז, —
טוט זי אן א פורפור־רויטן קלייד
און א שלעפע לאנג
און בלוי,
באזוימט פון לופטיקן זילבער גרוי,
פאלגט נאך איר טראט.

קוקט איר,
וואכט —
און דער מעכאשעף
צינדט און בלענדט, אנטפלעקט און הילט —
און עס באצויבערט אייך
א ניי־וואונדער בילד.

און אַט ווילט איר גאָר גלויבן,
אַז דער האַרט־געקאַרבטער שטיין מיט'ן שניי־ווייסן זילבער קאָפּ
זיינען גאָר קיין בערג,
וואָס רייסן זיך,
ווי אריבערצושטייגן איינער דעם צווייטן אין דער הויך.
נאָר —
אין אַ ברויזנד מוירעדיקן טאָג,
האָט אַ מעכאַשייפע —
ווילד־צערייצט —
אַ כוואַליע פון שלאַנגנדעם יאַם
מיט איר קישעף־שטעקעלע אָוועקגעריסן
און אויף אייביק אין באַוועגלאָזיגקייט,
פאַרשאָלטן דאָ צו שטיין.

שטוינט איר,
שטאַרט —
די בערג — אין קאַליידאָסקאָפּישן שפּיל פאַרכאַפּט —
האָבן זיך פאַרנאַרט:
וואַנדערט אייער בליק אַט צווישן נאָדלבוימער גרינע,
שמעקעדיקע;
אַט אויף שטיינער האַרטע,
טיף־געקאַרבטע;
אַט אויף פעלדער גרינע,
לאַנקעס פלושיקע,
און אַט גאָר אין מידבאַריעס געל־זאַמדיקע,
פאַרברענטע.

פאַרמאַכט איר די אויגן און מאַכט אויף —
און דער מעכאַשעף —
לייכט און פריש, פלינק און פריי
קישעפט —
און איר גאַפט.

די בערג אין ליבעס־טרוים געפאנגען,
פון ליידנשאפטלאכע ליפן געקושט,
באטרונקענע, האלדזן זיך,
אומארמען,
שטיפן,
שעפטשען וואס...
און גערעגטע פון עראטישן שפיל
ערשעפטע און ניט געזעטיקטע פון יוגנט־לוסט,
צעשווימען זיי, ווי וואלקנדלאך דורכזיכטיקע,
איינע אויף דער צווייטערס
ברוסט.

הויבט זיך פלאטערנד אויף א ווינטל,
פארכאפט די בלויע גאמע,
פליט שלייכנד־שטיל ווי עס וואלט דעם נאכט־כאלעם געזוכט צו נרייכן

זינגען בארג־פייען אין אוונט־געבעט,
אין שטילן,
בלייכן;
פאלן אויף די קני,
שפרייטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט שאטנס גרויע,
לאנג,
און גייען אוים אין אוונט־בלויען,
ווינט־שטיל־ציענדן
געזאנג.

לאזט זיך אטעמלאז אראפ דער הימל,
ווינט,
הילט איין;
טרוימען בערג, ווי קינדער קליינע,
געקושט פון גאלד־בלייכן
לעוואנע שיין.

ג.

אליין צווישן די בערג־שפּיצן האָב איך געוואַנדערט
און דאָס ליד פון די ווילדע געלערנט.

אונטערן בלויען הימל,
צופוסנס פון די בלוי־טרוימענדע בערג,
באַם ציענדעם שטראָם, פון לעוואַנע ליכט באַנאָסן,
האָב איך אַ ווילדע און אַ הינדין געזען
אין דינסט צו גאָט:
פרײדלאָך האָבן זיי פון קלאָרן שטראָם געטרונקען
און מיט ליבע די יונגע געזויגן.

אין אַ הייל,
צווישן שאַרפע פעלזן שטיינער און גרינע נאָדלבוימער,
האָב איך אַ ווילדן, אין לויב צו דער זון,
ווילד אין ווילדן טאַנץ געזען,
מיט שטיקער פייער אין די הענט,
און הייסן גלויבן
אין האַרצן.

איך האָב די ווילדע זינגען געהערט.
איצט זינג איך זייער ליד פון ליבע און גלויבן —
דאָס ליד פון אַלע לידער.

ד.

א דענוווער!
ווי בלוי איז דיין זיידן־דריינער הימל.
ווי לאכנדיק, ליב שפרייט אוים דיין זון אירע אויצרעס שטראלן גאלדענע.
ווי קינדעריש פארטראכט וועבט אוים דיין לעוואנע אירע כאלוימעס זיסע, שיינע.
א, דענוווער! — דו געבענטשטע פון די וועסט.
מיט דיינע הויכע ראקי שפיצן
באזילבערט פון שימערירענדעס שניי
ליגסט אנגעלעגט קעניגלאך אין טיפן בלויען הימל,
און ציסט פון אים,
ווי עס ציט דאס קינד פון דער מוטערס פולער ברוסט,
דיין צויבער, דענוווער,
דיין פראכט.
א, ניט איינמאל גאנץ שפעט באנאכט,
פון דיין בלויען קישעף נעץ געפאנגען, שטונדן לאנג בין איך ארומגעגאנגען
אין זיסן טרוים פארזונקען, אין כאלעם טיף פארטראכט.
א, דענוווער! —
עס קוועלט מיין ליד,
איך קני,
און ס'קושט מיין אויג דיין זיידן־בלויען זוים.
און אין ווייטן רוים, אין טיפן רוים,
אויף דיינע ווייך־אויסגעשפרייטע, העל־שטראלנדע פליגל,
אז ווארט שוועבט אום, אין האפענונג שטום —
מיין טרוים, מיין טרוים...
א, דענוווער! — דו אויסדערוויילטע,
דו מיין ליבסטע, שענסטע פון די וועסט.

ח.

וואס דערציילט איר מיר,
איר רויטע שלעסער פונ׳ם רויטסטן שטיין
אין זון־ליכט צעפלאמטע,
צעפלאקערטע ?

פארלאזענע —
און עפשער גאר פארשאלטענע
פון דעם רעשט פונ׳ם רויט־נעבירטיקן פאלק —
שטייען אייערע היילן,
גראבנס
פאר׳ן שנייי און רעגן אפן,
און ס׳רייסט דער ווינט און גראבט אייער טיף,
און ס׳דוכט מיר:
איך זע די פיינטשאפט פון דוירעס אין דער סקוואם ארעמס אויסגעזויגן —
דעם הירש־פלינקן־רויט־קריגערישן־זון מיט פייל און בויגן,
ווי ער קעמפט,
פאלט און בלוטיקט ווי דער בופל־אקס,
געטראפן פון דער וויים־ברודערלאכער,
קריגערישער האנט.

ו.

און קוק איך
אויף די גרויע שלעסער אין לעוואנע ליכט באנאכט,
וועבן זיך פאר מיינע אויגן זעאונגען,
ווי פון כאלעם ארויס —
פארבלייכטע.

די רויט־געבירטיקע קינדער,
בא צעלייגטע פייערן ליגן קרינגעריש ארום,
שפילן,
טאנצן פיבעריש,
זינגען
פאר דער אויפגייענדער זון,
וואס קייקלט זיך פון בארג צו בארג,
און צינדט,
און רופט אין פעכט
מיט דעם בופל־אקס , דעם שווער־נופיקן,
מיט דעם יענעדיזזי* שייוועט וואס ליגט ערגעץ וואו דארט בא דער זייט —
היי־א־ווי !
ווי־הע־ווי ! ווי־הע־ווי !
אין שטרייט.
אין שטרייט.

*יענעדיזזי — לוידיק גייער

ז.

זעסטו דעם וואלקן,
דעם בראנז־גאלד־גליענדן,
וואס שלעפט זיך, ווי א קאראוואן, אויף די שפיצן בערג?
זעסטו? —
פון איבער די גאלד־גליענדע קעפ
פלאטערט א ווייך־בלויער, שטערן־שימערנדער פליגל
נאך רייטער און רייטער אויף רייטער
אין ווייטער,
אין ווייטער,
א. ווייטער —
נאכט.
א, מיין נאכט!

ח.

פארנאכט.
עס בלענדט דער מאירעוו
און ס'טראגט דער מיזראך שווארצע זעגלען פלאטערנדע.
רייסן זיך וואלקנס —
מאנסטער שווארצע, אויסגעצויגענע,
מיט הענט פארבלוטיקטע, —
רייסן זיך אראפ,
אראפ.
און די בערג —
פארגאפטע גייסטער שווימענדע
ציען זיך ארויף,
ארויף.

שיפט די זון,
קניפט מיט גאלד די שפיצן הימלען,
קניפט מיט גאלד די שפיצן בערג,
און מיט דעם לעצטן שטראל פארוועבט זי
און פארשפינט —
און פארגיים.

ט.

די בערג

האבן זיך אין נאכטיק־בלוי־טיפער שטילקייט איינגעהילט,
אטעמט ניט קיין שפיזל פונ׳ם יונגסטן נאדלבוים,
רייצט ניט קיין שטערן מיט זיין פארשייטן,
גלימערנדן ליכט,
ליגט דער הימל צום שטיין געפרעסט
און כאלעמט, ווי איך, צווישן די פולע בערג־בריסט
און בלויע רו.

י.

שפארן בערג־שפיצן אונטער דעם הימל,
האלטן בערג־בריסט אונטער די נאכט,
און שטערנדלאך —
שמייכלענד־שטיפערישע קינדער —
רייצן דעם שטראם מיט זייערע שפריצלאך ליכט.

גיי איך,
גייט מיין שאטן, קלעטערט אויף די בערג,
פארגאנוועט,
ווי ער וואלט א שטערן פונ׳ם רוים געזוכט צו רויבן,
שטיל,
ווי ער וואלט זיך געהיט
ניט אויפצעוועקן די שווערע נאכט פון שלאף.

יא.

דער בארג —
א מיסטעריע פון שאטנס אויסגעוועבט אין רוים.
און איבער זיין קאפ
אן אלטער צעשויבערטער בוים
רייסט זיך מיט הענט אויסגעשטרעקטע,
געקרייציקטע.
ציט מיך,
ציט א אומרו,
ציט —
ליג איך,
קוק שטאר און שטום,
און אט —
הינטערן בוים
בליקט ארוים א האלב פארנעפלטע אויג
פון אונטער א וואלקן־ברעם פארצויגן.
האב איך זיך אויפגעהויבן,
ארומגעקוקט,
פאר שרעק א פייער אנגעצונדן
און זיך צעלאכט —
פייער!
עס ברענט דער הימל,
בארג און בוים,
עס ברענט מיין כאלעם
און מיין נאכט.

יב.

אונטער מיין פוס —
שטיין.
ארום מיין אויג אין שטייגנדער הארטקייט
שלאנג פארבנרייך אפ
קאפ־צו־קאפ
בערג,
בערג,
בערג.

פעלזן־ברוכן ארום מיר.
פעלזן צאמען —
ברויזט דאס וואסער,
ברויזט ארויף און ברויזט אראפ,
ברומט,
און ברומענדיק ברעכט דורך ברויזנדיק א וועג
אונטער שטיין, איבער שטיין,
שטיין ארויף, שטיין אראפ —
שליאפ!
שליאפ!
און ווידער פליסט דאס וואסער,
פליסט אין שטראם,
לויפט
און שלאגט זיך אן
און שלאגט זיך אפ
און טראגט זיך ווידער
שטיין ארויף, שטיין אראפ —
שליאפ!
שליאפ!
שליאפ!

יג.

עס ווייס דער בארג־פויגל ווי דעם טאג באגריסן.
זיין דריבנער קאל,
טרעלנד,
קלינגענד־זינגענדיק האט מיך אויפגעוועקט.
און מיט זיין פרימארגן־ליד
געשעפטשעט האט מיין זעל אין ליוב צום ערשטן זונען־שטראל,
וואס האט דעם נאכט טיפן הימל דורכגעבראכן
און מיט גאלד באגאסן יעדן שפאלט און ריץ
אין מיין שטיין־בארגיקער וועלט.

יד.

מאסיווע,
פארגליווערטע,
קאלט־פארהארטעוועטע שטיקער־שטיין —
די בערג.

לינז שטיקער שטיין אויף שטיין אין בארג זויף בארג דערהויבן
אין ברוכיקער,
בארגיקער,
טרעפיסקער
הויך.
טראגט א בארג די אויפנייענדע זון אין פרימארגן,
ברענט זיין רוקן אין ליכט צעפלאמטן גלוט.
קייקלט זיך דאס פייער־ראד,
ראד ארויף,
ארויף —
און איבער זיין קאפ אין לויטערקייט
אז ארעאל פון ליכט
רוט.

שטייט א בארג אנטקעגן,
א שווייגנדער, פארשלייערטער, א שאטן שטומער —
נאר אט געעפנט האט ער זיין אויג,
און אין מארגן פרייד,
לאכט ער
אוןווארפט שפילנדיק די שלייערן פון זיך אראפ,
הויבט אויף אין ליכט דעם ריזן קאפ
און זינגט דאס ליד
פון גאלד.

טז.

שטייסט אויף מיט דעם אויפגייענדעם פרימאָרגן,
ווען די זון אין מיזראַד
אַ פאַרכאַלעמטע פון שטילער, נאַכטיקער רו,
עפנט אויף אַן אויג און מאַכט עס גלייך צו,
און קוקט אַ שמייכלענדע אַרויס
פון די ראָזע נעבלען.

שטרעקסטו אויס דיין ברוסט
און בליקסט מיט פרייד צו די בערג אַרום,
וואַשסט די הענט
און שעפּטשעסט שטיל, ווי אין טפילע פרום:
די בערג, אַ, די בערג!

און הויך צום הימל הויבט דיין האַרץ זיך אויף,
דיין שווינדזיכטיקער גוף פאַלט די ראַקים צו די פיס,
און דו אָטעמסט לייכט, און דו אָטעמסט טיף,
און בענטשסט דאָס ליכט, וואָס האָט דעם טאָג מיט גלויבן אָנגעצונדן
און דעם באַרגיק-בלויען טרוים, וואָס האָט דיין נעשאָמע אָנגעפילט.

אָפּגעריסענער צווײַט

דעם
אנדענק
פון מײַן טאַטען
מיט ליבע און הײַליקייט
געווידמעט.

מאמע.

א האלבע לעוואנע זילבערט זעגלענדיק
פון א זילבער וואלקנדל ארוים אין א זילבער וואלקנדל אריין,
און זעגלענדיק זי שפרייט א זילבער־שיין
אויף דיין ליבן קאפ —
אין נאכט.

די לעוואנע,
דיין באזילבערטער קאפ —
דו אין נאכט ווי א קאלע אין ווייסן קלייד
שיפסט־שוועבנדיק, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, שוועבסט־שמייכלענדיק צו מיר —
פאל איך צו,
דריק מיין קראנקן קאפ צו דיין ברוסט —
א, מאמע! —
דיין צערטלאכקייט,
דיין גלעט —
וועקטו דאך יעדע נאכט, מיין ליבע מאמע,
קומען צו מיין קראנקן בעט.

אין בלייך,
שטיל, —
די האלבע לעוואנע זילבערט זעגלענדיק
פון א זילבער וואלקנדל ארוים אין א זילבער וואלקנדל אריין,
און זעגלענדיק זי נעמט אוועק דעם זילבער־שיין
פון דיין ליבן קאפ —
מאמע,
א, ליבע מאמע,
מאמע מיין!

יונג בין איך און אַלט.

יונג בין איך,
און עפּשער טאַקע אַלט?
איך צייל די יאָרן — פינף־און־צוואַנציק;
איך קוק אין שפּיגל — גרוי זיינען מיינע האָר.

איינגעלײנט
אין ווייסן, קלאָרן בעט,
צאַפּלט, ראַנגלט זיך מיין זעל.
און שטיי איך אויף,
צייל אָפּ צען טריט, צענעם די הענט —
גלייך
די קאַלטע, גרויע ווענט,
דער גרויסער, שווערער ציגל טויער דערמאָנט אַ מאַנאַסטיר,
און שאָטנס, גרויע שאָטנס ציען,
שרעקן מיך.

יונג בין איך,
און עפּשער טאַקע אַלט?
איך צייל די יאָרן — פינף־און־צוואַנציק;
איך קוק אין שפּיגל — גרוי זיינען מיינע האָר.

א.

...און איך א טויטער צווישן לעבעדיקע ניי אום.
עס פארשטייט מיך ניט די וועלט,
זיי באגרייפן ניט
פארוואס איך לאך ניט מיט אין זייער פרייד,
פארוואס איך וויין ניט מיט אין זייער פיין —
זיי ווייסן ניט
דאס איך קען זייערער מער ניט זיין,
מער ניט זיין —

— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

ב.

וואס איז מיר געבליבן אין לעבן אויב ניט דער גרויער פיין ?
מיין געזונט —
צו אן אפגעפרעסענעם שוויין,
האב איך פאר א קלעגלאכן לויז אוועקגעגעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און איצט וואס ועט זיין ?
זאל איך פאר מיטלייד בעטלען ?
זאל איך אויסשטרעקן די האנט ?
צי גאר פאר שאנד זאל איך אין א ווינקל זיך פארוקן —
און שווייגן.
שווייגן ?...

ג.

איך האב א פוס געשטעלט,
און א סימען פון טוים נאך זיך געלאזן,
ווי מיין לייבעץ,
מיין טראט איז — בלוטיק־רויט.

האבן עס פריינט דערזען,
די קעפ אפגעקערט,
מיט מוירע פון מיר זיך אפגעווענדט;
נאר מיין גוטע מאמע
זי האט פארבראכן די הענט
און טרערנדיק געשעפטשעט:
„קינד,
מיין ארים,
מיין טייער קינד!"

ד.

הערט ווער מיין סרעכצן,
מיין זיפץ,
זעט ווער מיין אויג און מיין ליפ —
גלייך פארדרייט ער דעם קאפ אויף צוריק
און שענקט וועמען אנדערש זיין בליק —
נאר ניט מיר,
נאר ניט מיר.

ה.

טאג איין, טאג אויס —
ווי שווער איז צו קוקן אויף די גרויע ווענט
און זיך זעטיקן מיט די טעמפּע־טויט־אָטעמענדע שטילקייט,
וואָס ווערט איבערגעריסן פון אַ זיפץ,
אַ קרעכץ,
פון אַ כאָרכלענד־האַרצרייסנדעם שפּיי.
— —
און זען ווי עס שטייט דער טויט
און שפּרייט זיין שניי־ווייסע דעק אויף אוינן יונגע,
בעטנדע,
וואָס ווילן ליכט,
אַ לעבנס־ליכט נאָך זען...

ו.

אַ. — ווי רייסט מען זיך אַרויס,
ווי אַנטלויפט מען,
איך זאָל דאָס הוסטן און דאָס שפּייען
פון די טויט־בלאַסע און פייער־פלאַמענדע געזיכטער
מער ניט הערן,
מער ניט זען.

נעמט מיך אַוועק פון די סקעלעטן פּאַרטריקנטע,
נעמט מיך אַוועק!
איך וויל אַ געזונטן מענטשן זען, אַ מונטערן וויל איך הערן לאַכן,
עפּשער פאַרקוקנדיק זיך אויף זיי וועל איך געזונט און מונטער ווערן,
און לאַכן ווי זיי,
ווי זיי.

ז.

האט מען דיר דערטראגן די נייעס,
אט די נייעס:
אז איך שלאף ניט א נאכט נאך א נאכט,
אז איך ליג מיט האלב־אפענע אויגן
און טראכט נאר פון דיר.
נאר איך טראכט.

וויינסטו און שטיקסט דיין געוויין.
סלאגסט אויף דיין ארים קינד... נו, מאמע, ניט וויין!
ווייסט דאך:
ס'איז באשערט שוין אזוי,
ס'איז באשערט
דער סאניטאריום זאל פארבלייבן מיין היים —
טא, צו וואס איז דאס וויינען?
מאמע, —
ניט וויין מאמע,
ניט וויין!

ח.

וועגט,
גרויע וועגט.
פרעסנדע,
ווארגנדע, שווארץ־גרויע הענט.
סלאַמערן און דריקן, שטיקן און דערשטיקן
און מאַכן פון׳ם לעבן אַן ענד...
וועגט,
גרויע וועגט.

ט.

גייען די וועגט זיך צוזאמען.
איך — צווישן די וועגט,
איך — מיט פאַרבראָכענע הענט,
צווישן די דריקנדע וועגט,
צווישן די שטיקנדע וועגט.

י.

די גרויקייט פון די וועגט האָט זיך אין מיינע ביינער איינגעגעסן,
די גרויקייט פון די וועגט פון מיינע מאַטע אויגן בליקט, קוקט אַרויס;
און דאָס ליכט, די פאַרב פון לעבן, האָב איך אינגאַנצן גאָר פאַרגעסן,
און די אומענדלאָזע וועלט איז פאַר מיר איצט — מיין צימער — גרויס...

יא.

ס'האבן מיר די שלאפלאז-לאנגע נעכט מיין ענד דערציילט...
און די שטערן האבן מיר דעם סאד פון אייביקייט פארטרויט...

טראג איך אום דעם סאד,
און שטיל, ווי די נאכט, און סוידעספול, ווי די שטערן, איז מיין וועג...
נאך שטילער,
סוידעספולער איז מיין לעבן...

יב.

וויפיל שטערן האט די נאכט?
וויפיל מינוטן האב איך נאך צום לעבן?

אט צייל איך שטערן
און מיט יעדן שטערן לעשט זיך א מינוט,
און באלד —
פינסטער וועט זיין די נאכט!

איך האב אלע שטערן אפגעציילט...
אלע מינוטן אויסגעלאשן...

יג.

פלעכט מיר אוים א קראנץ פון שטערן,
פון דער נאכט זויג אוים מיין ליד:
דאס ליד,
וואס נאט אליין האט נאר געהערט,
און די שטערנדלאך,
וואס האבן טיף און שטיל
אין זיך פארנומען.

יד.

מיין מאמעס ברוינע אויגן האבן מיין טרויער אויסגעזויגן,
און איר בלאס געזיכט טראגט אום מיין פיין

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שלייכט זי ווי א שאטן נאך מיין טראט,
טרערט, שעפטשעט,
בעט גאט...

טו.

דוכט זיך,
ערשט נעכטן שפעט באנאכט איז דאס געווען:
באם פענסטער דא,
איז טרויער אנגעטאן, האב איך דיר געזען,
געשטאנען ביסטו שטיל,
פארטראכט,
און די בלייכע נאכט
דיין בלאסן פּנים האט בלייכער נאך געמאכט.
איך האב געוואונדערט זיך,
געפרעגט,
דו אין שווארצן אנגעטאן, ווי קומסטו איצט אהער?
א צוק מיטן אויג,
א טרער —
דו ביסט פארשוואונדן;
נאר געבליבן איז די בלייכע נאכט,
די שרעק,
מיינע ווייטאקדיקע וואונדן...

טז.

ווער האָט מײַן נאָמען אין טפילע דערמאָנט,
פאַר מײַן געזונט געבעטן — ווער?

דאָס ביסטו מיט אַ געבויגענעם קאָפּ
פאַר דעם האַר פון דער וועלט געשטאַנען,
זיך געשאָקלט,
געבעטן אין דער שטיל.

איך האָב יענע נאַכט צום הימל אַרויפגעבליקט,
די אויגן געשלאָסן,
געעפנט —
און דיר אינ׳ם הייליקן קרייז דערזען — דו שטייסט און בעטסט:
„גיב, גאָט, אים געזונט און גוטע, לאַנגע יאָר“
און די שטערנדלאַך
און איך
געענטפערט האָבן שטיל:
אָמיין!

יח.

מאַמע —
פאַרוואָס זיינען היינט אַזוי טיף דיינע אויגן?
אַט קוקסטו אויף מיר
און דוכט זיך — ווי דו וואָלסט אין ווייטקייטן, ווייט, ווייט געבליקט.

מאַמע,
פאַרוואָס ביסטו אַזוי דערשלאָגן,
דערדריקט?
זעסטו די האַנט וואָס וויל אונדז צעשיידן?
זעסטו מיין באַגלייטער שטיין וואַרטן אונטערן טיר?
— — — — — — — — — — — — — — — — —
מאַמע,
טרערן שוין ווידער דיינע ליב־מילדע אויגן, —
וואָס האָסטו דעם קאָפּ צו דער ערד טיף געבויגן? —
מאַמע!
מאַמע! —
וואָס איז מיט דיר?
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

יט.

גיב מיר, גאָט,
די רו פון אויסגעוויינטע נעכט,
ווען עס פאַלט דער קאָפּ צום קישן צו —
אין שווערן־שטילן־שלאָף...

כ.

... און קוק איך —
וואָס זע איך, וואָס זע איך?
ליג איך —
אַלץ איינס גייט די צייט,
און ס'איז ניט ווייט,
ווען שטיל
אַ באָרוועסער, אַ קאַלטער
ער וועט אַ רוף טאָן — און איך וועל גיין
— — — — — — — — — — — —
און ליידיק און צעוואָרפן
מיין בעט וועט בלייבן שטיין...

כא.

געהיים —
ווי דער גאָלדענער פלעמל
אין דער טיפער, רונדער נאַכט,
דרינגט מיין זעל
און וואַכט;
און הויך איבערן קאָפּ
הייגגט די נאַכט,
די נאַכט.

כב.

דאָס שווייגן
געבראַכט האָט מיר טרייסט
און רו...

שווייג איך שטילער,
שווייג איך איינגעהאַלטענער,
טיפער —
נאָר באַלד מיין שווייגן וועט זיין אויסלייזונג געפינען —
שטום,
אין ריינעם־ווייסן
וועט איר מיך דערזען...

כג.

שפּליטערן זיך די פּייערן פון דער זון,
מיראַזשן בלייכן און פאַרגייען,
און אַזוי אויך מיין טרוים,
מיין לעבן.

באַצילן דורכגעזיפּט האָבן מיינע לונגען,
טראָגן זיך קאַלטע ווינטן, וואָיען אין מיין ברוסט, —
און איך הוסט, און שפּיי און הוסט;
און מיינע באַקן געצונדענע —
פלאַמען רויט, —
ווי די זון אויף דעם פאַרבלוטיקטן הימל,
אויף מיינע באַקן שפּילט
דער טויט.

כד.

ניט מיר א קרייד.
איך וועל פארצייכענען די יארן.
די שטאט,
דאס לאנד, וואו איך בין געבארן.
איך וועל פארצייכענען די סומנע שאען פון מיין שווייגן,
די קאלט־קלעפיקע טעג פון מיין לעבנסלאזער גלייכגילטיקייט
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
און זאל איך וועלן פארצייכענען איינעם פון די געציילטע יונגנט טעג,
וואס איך האב שטיפעריש פארבראכט —
סטייעט ניט קיין קרייד,
ווייל דעם גאנצן קרייד האבן מיינע גרויע טעג פארנומען,
און אויך זיי אלע האב איך ניט פארשריבן.

כה.

האט איך א גויסעסן ווען לאכן געזען?
איך זיינט קיינמאל בא א גויסעסן ניט געוועזן —
גוט איז אייך!

איך האב א גויסעסן לאכן געזען:
זיין פאנים האט געפלאמט,
זיין אויג מיט ביטערן שפאט האט געברענט,
און זיין שניידענדער געלעכטער
האט אין מיין הארצן זיך א קייווער געמאכט...

זינט דאן
טראג איך דעם מעס אין מיין ברוסט,
דעם גויסענס געלעכטער אויף מיין צעשראקענעם פאנים.

כו.

ניט עמעס.
עס קומט ניט דער טויט אין שלייערס נעהילט.
איך האב אים א נאקעטן געזען;
מיט א פינגער האב איך זיין קאלטן אטעם בארירט,
מיט די נאזלעכער האב איך זיין אנוועזנהייט איינגעאטעמט
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
איך ווייס, אז ער וואכט איבער מיר, —
מיין גוטע מאמע האט אין טפילע שטיל
פאר מיין נעשאמע געבעטן...

כז.

ניט קוק מיר אין די אויגן —
פארוואס זאלסטו זוכן צו גאנווענען דעם סאד,
וואס מיין הארץ זוכט פון דיר אין דער שא צו באהאלטן?

קוק, ווי איך, צו די שטערן,
מעסט די ווייטקייט פון די הימלען,
דערמאן דער באבעס גרויסן גאט —
גלויב!...

עס קייקלט זיך דיין טרער,
און ס'שפיגלט זיך אין לעוואנע שיין דיין טרויער —
ביסטו דאך ניט געקומען מיין לעצטע שא,
מיין שטילע שא צו מאכן גרויער...

כח.

איך שטרעק אוים צו דיר די הענט און בעט:
ניט רייכטום, נאָט, איז מיין באַגער —
איך שווער!
איך שווער!

נאָר לייכט ווי אַ וואַלקנדל וואָס צערינט,
צעגייט;
גרינג ווי דער פליגל־פלאַטער אין דער לופט צעשפרייט, —
אַזוי לייכט און גרינג, אַ נאָט,
ברייננ מיר דעם טויט.
אַ, דעם טויט.

כט.

גאט!
מיין גייסט האסטו צו ניסיונעם געשטעלט:
זיין זויבערקייט האב איך אפגעהיט.
אויף מיין קערפער האסטו הונגעריקע ווערים אנגעשיקט —
זיי האב איך באקעמפן ניט געקענט —
האבן זיי צו זאט געפרעסן מיינע לונגען,
צו פארשיקערונג געטרונקען —
מיין בלוט.

און גערעכט
און גרויס איז דיין שטראף!
איך, דער פינף־און־צוואנציק יאריקער, אין דיין אייביקייט א שפיל
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
א זיידע
ווי קינדער קליינע האט זיך ליב צו שפילן —
איך —
א שפיל אין דיינע הענט,
א קאפריז פון דיין גרויען עלטער.

.ז

מיט וואס זאל איך דיר דינען?
מיט וואס?

צו קראנקהייט האסטו מיין גוף געווארפן,
צום טויט געווענדט האסטו מיין אויג —
און גערעכט ביסטו אין דיין שטראף.
גערעכט!

זאל איך עפשער פאר מיין בלוטיקן לייבען
א לויב־געזאנג דיר זינגען?
צי זאל איך פאר מיין לונגען־לעבערדיקן הוסט
דיר קטוירעס רויכערן?

איך וועל ארייגרופן די קראנקן־שוועסטער —
זי, א גלויביקע, קניט פאר גאט און טראגט א ציילאם אויף איר ברוסט —
איך וועל איר בעטן:
מאך ריין מיין גוף,
און אין ווייסן קלייד מיך אן;
איך וועל פאר דעם האר פון אלע וועלטן היינט קומען
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אין פיין בין איך שטארקער פאר זיין שטראף,
מיין גוף צו זיינע פיס כ'וועל ברייגגען: —

מיין געשאנק צו דיר, מיין גרויסער האר,
מיין ערדיש־לויב צו דיינע הימליש־הייליקע וועלטן.

לא.

ווער וועט מיין טפילע דערהערן?
איך האב קיין גאט און קיין האר.
זיץ איך א ניט דערהערטער אין מיין צאר,
שטאמלען מיינע ליפן אין פארצווייפלונג,
בלאנדזשעט
און זוכט אין צעמישונג
מיין אויג.

לב.

איך האב מיר א טעמפל אויפגעבויט
און א גאט באשאפן;
מיין גאט איז —
טויט.

אים דין איך אין די שטערנלאזע נעכט,
און —
אין די זוניקע שאען פון טאג
פארגעס איך ניט
זיין נאמען.

לג.

מיט דעם אויפגאנג פון די שטערן
וועל איך מיין נוף דיר פאר א קארבן ברייננגען. —
גאט פון אלע נעכט,
מיין גאט.

רוף דעם קויען,
זאל ער גרייט מאכן דעם מיזבייאך,
זאל ער ליכט צוויי צוקאפנס שטעלן,
און דער פיינער קטוירעס לאז רויכערן און הייליקן דעם קארבן,
וואס ליגט צו דיינע פיס.
גאט פון אלע וועלטן,
מיין גאט.

לד.

פון וועלכער טיף האסטו מיין שטים דערהערט,
מ"ין שטים, וואס טראגט זיך אום ווי א וואיענדיקער ווינט
אין א רעגנדיקער נאכט?
דו ביסט פון טיפער הייל ארויס,
אין גרויען קלייד, אין שווארצן שלייער איינגעהילט
מיט א הערבסטיק אויסגעטריקנט ריטל
אין דער האנט.

נאר דו און איך,
מיט אונדז די לאנגע, לאנגע נאכט,
די שווערע וואלקנס איבער דיין־קאפ־מיין־קאפ,
דער ווינט,
דער פלאטער פון דיין שלייער,
דער ציטער פון מיין הארץ.
און טיף איז די נאכט!
איך גיי —
און ס'שפרייט די רו א נעץ נאך אונדזער טראט,
איך גיי —
און ס'זינגט מיין הארץ א לויב
צו גאט.

ל״ה.

טרייסט ניט מער.
ס׳מאכט דיין טרייסט מיר שווער
און דריקנד די שא וואס מיר דערוואַרטן,
וואס וועט מיט דעם זונאונטערגאַנג נאָך קומען.

לעש ניט מיט דיין קאַלטן וואָרט מיין לעצטן,
שיינעם גלויבן.
נאָר דריק מיט ליבע מיר די האַנט,
קושנדיק שלים מיינע ברוינע אויגן,
און צערטלאַך,
שעפּטשענד, ווי אין טפילע,
ווינש מיר רו,
רו...

ל״ו.

דו טרייסט,
און פון דיין יעדן וואָרט קייכט אין טייוולישן געלעכטער —
דער,
ווען דו זוכסט פון מיר צו באַהאַלטן
מיט דעם שיינעם וואָרט־קלייד
צו פאַרשטעלן.

איך זע,
און כאָטש איך גיס קיין טרערן דאָך ווייגט מיין האַרץ,
און ניט ווייל גרויזאַם איז ער, אַזוי שלעכט;
נאָר דערפאַר וואָס דו קענסט אין אים די פרייד פון אויפלייזונג ניט זען —
ווי איך.

לז.

דו זעסט.
איך האַלט זיין האַנט אין מיינע
און ציטער ניט אין קעלט.
זיין אויג באַרואיגט מיך,
זיין אָטעם שטילט,
פֿאַרווינט.
און ווען די שאָ וועט קומען, ניט ווערן וועל איך זיך —
ניין!
מיט אויגן אָפֿענע
וועל איך
גיין...

לח.

קריכן ווערים אַרום מיין גוף.
ליג איך אַן אומבאַהאָלפֿענער און קוק זיך צו,
ווי ווערים פֿרעסן מיין פֿלייש,
ווי איך בין די שפּייז פֿאַר ווערים געוואָרן.

ווערים.
צעטרעט ניט די קליינע, קריכנדע;
אין ווידערגעבורט פֿון אייביקייט
טראָגט אַ וואָרים
מיין לעבן.

לט.

איך וויל דיין סרעבץ נים הערן, דיין טרער וויל איך נים זען.
דיין פון שמערץ אויסגעצויגענער פּאָנים און פון ווי פאַרביסענע ליפּן,
טוט מיין האַרץ אוים מיטלייד צו זיך אַליין —
דערדריקן און דערשטיקן.

נים לוויער איבער מיר, ווי עס לוויערט דער טוים.
ווען דו קענסט שמייכלענדיק דעם מויל נים האַלטן,
מים אַ שיינעם כּאַלעם איינהילן דיין געדאַנק
און ווערטער צערטלאַכע פון דיינע ליבע מוטער־ליפּן לאָזן פאַלן —
נים קום גאָר צו מיר אין צימער אַריין.
ווען שפּעט —
ווייל איך נים קוקן אין דיין פאַרצווייפלטע געזיכט;
און מים דיין געבעט,
ווען אין דער שטיל צו די אוועס פאַר הילף טוסט רופן
בריינגסטו נאָך נעענטער צו מיר דעם טוים —
און גרייט —
שווייג!
פאַרשטיק דיין כּליפּען,
דיין געוויין.
אַרוים! —
האָב ראַכמאָנעס, און שטאַרבן לאָז מיך,
לאָז מיך שטאַרבן אַליין.

מ.

אלעס פארלארן...
דער מאמעס מילך האט ער פון מיינע ליפן אויסגעזויגן.
דעם פאטערס גלויבן האט ער פון מיין הארצן ארויסגענארט.
ליג איך, ווי א מעציירע, אויסערן שטאט,
קוק ווי א בלינדער אין נאכט.
נאר מיין פולס, ווי א פויק אין טאג פון געפאר,
קלאפט,
זאגט אן: —
דער סיינע איז נאענט,
ווערסט באזיגט...

מא.

ווער איז דארט אין ווינקל?
ווער שטייט דארט אין שטומען אין שווארצן געקליידט?
איך רוף דיך ארויס.
דיין נאמען זאג! —
איך האב קיין מוירע פאר דיינע ציין,
און טרוקענער זיינען מיינע הענט און ביינערדיקער פאר דיינע.
איך האב דעם טויט שוין לאנג באזיגט...
איך האב זיין ליד שוין לאנג פארגעסן...

מב.

דאַלאַמיאַ,
געקרױינטע פּריסטערן פֿון נאַכט,
דאַלאַמיאַ,
פֿאַרפֿלוכט־פֿאַרדאַמטע —
װער האָט דיך אַהער געבראַכט ?

דאַלאַמיאַ,
נעם צו דײַנע שאָטן־פֿינגער פֿון זײַנע טריבע אױגן ;
נעם צו דײַנע גיפֿטיקע ליפּן פֿון זײַן דורשטיק מױל.
דאַלאַמיאַ,
װאָס האָסטו אים צו זיך אַזױ צוגעצױגן —
איז ניט גענוג דיר די שיסל בלוט, —
טאָ װאָס לאָזסטו אים ניט אָפּאָטעמען,
עפֿענען די אױגן ?
דאַלאַמיאַ,
פֿון נאַכט געקרױינטע,
דו אױף אײביק־פֿאַרשאָלטענע,
דאַלאַמיאַ,

מג.

שטילער צאַר.
שטילע שאָען פון פּיינלאַכן שווייגן,
שאַטנדיק שפּינען אַ בלייך־שטילן געדאַנק
— — — — — — — — — — — — — —
ציען בילדער,
שלייכסטו שאַטנדיק מיט אויגן שטומע,
שטאַר,
בעטנדיק און רופנדיק
אין שטילן ניט דערלייזטן צאַר.

מד.

ווינט זיך דאָס פלעמל,
ווינגן שאָטנס שוואַרצע זיך אַרום,
ווינגסט דעם שאָטן פון דיין ליבן זון,
ווינגסט שטום...
דאָס ליד אויף דיינע ליפּן מיט די טרערן האָט אויסגעטריקנט;
די מעלאָדיע האָט דער טרויער אַוועקגענומען —
זיצסטו איינגעבויגן אין טרויערפולן שטומען,
ווינגסט זיך,
און מיט דיין שאָטן שלייכט דיין אויג
און וועבט אין שאָטן דעם שמייכל פון דיין ליבן קינד,
פון דיין קאַלט־פאַרגליווערט־בלייכן,
אָרים קינד.

מה.

ברענען ליכט בײַ מיר צוקאַפּנס,
פֿאַלן שאָטנס אויף די ווענט,
זיצט די מאַמע איינגעבויגן,
בליפּעט,
ברעכט די הענט
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
און ס'קושט איר שאָטן מײַן געל געזיכט,
איר שטאַרער בליק נעמט מיך אַרום;
צאַנקט,
ציטערט פֿלעמלדיק דאָס ליכט,
זיצט די מאַמע באַוועגלאָז,
שטום...

מו.

טרייסט
און זיי געטרייסט.

שטיי אויף,
וואַש די הענט —
דער באַרמענען האָט זײַנע איילן פֿיר,
זײַן אויסגעבעטע רו.
און דו —
ניט טרויער מער,
ניט טרויער.

גאָלד.

עס ברעכט דער פרילינג קנאָספּן אָפּן
און דער הערבסט ברעכט פולע קעפּ.

א.

מיין הארץ איז פול היינט
און געפילפול, ווי א יונגפרוי, צו די ערשטע ליבעס־רייד.
הויב איך אויף די אויגן,
זע דיין געטלאכקייט אויף פעלד און גארטן אויסגעשפרייט,
דיין גרויסקייט אין די ריזן בערג
דערהויבן.

שיינט די זון און גיסט איר הערבסטיק גאלד,
און גאלד איז דאס גראז אונטער מיין טראט,
און גאלד איז דער בלאט הויך איבער מיין קאפ,
און גאלד איז דאס ריטל אין מיין האנט —
גאלד.
גאלד איז מיין ליד וואס גיסט זיך אויס אין גאלד צו דיר —
הערסטו מיך?...
הערסטו מיך?...

ב.

א. גלוטיקער.
גאָלדענער הערבסט!
אין דיינע נעבלען וועל איך זיך פאַרוועבן,
איך וועל זיך אַנטרינקען מיט דיינע טומאַנען,
און באַצירן וועל איך מיך
אין דעם גאָלד, בראָנז, ראָסט און קופּער
פון דיינע גאָלדענע,
פאַרשלייערט־בראָנזענע טעג.

הערבסט!
איך עפן מיינע לונגען פאַר דיין ווינט,
און מיינע אָרעמס — פאַר דיין שמייסנדעם רעגן.
און כאָטש בייז און צאָרנדיק ביסטו,
דאָך,
איך אומאָרעם דיך,
און טאַנץ מיט דיר אין ווילדן טאַנץ,
זינג דיין ליד —
וואו־הו־הו,
הו־הו!

ג.

אין גאָלדענע שיכלאַד,
פייפנדיק און טאַנצנדיק אַ שיקרעם טאַנץ,
איז זי שטיפעריש מיין פענסטער פאַרבייגעלאָפן
און מיט איר פאַרפירעריש ליד מיך אין פעלד ארויסגעפירט.
זע! —
אָט ליגט מיין רייכטום:
מיינע טוואועס, פרוכטן, גרינסן,
אין קופּעס, סטאָגעס צונויפגעקליבן.
און מיינע טרויבן —
זע ווי הונד און פול, ווי גרויס און זאַפטיק.
דריק אויס דעם ווייַן
און לאָמיר טרינקען דעם ערשטן־לעצטן קאָס,
פאַר דעם זעט וואָס איך האָב אנגעקליבן
און לאָז צו דיר.

און פריי בין איך!
דער ווינט איז מיט מיר,
מיט מיר וועלן זיך די וואָלקנס טראָגן,
שניידן וועל איך מיט די בליצן, שטורמען מיט די דונערן,
פייערן מיט איבערפילטע בעכער
וועל איך דעם לעצטן טאָג פון אונטערגאַנג

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווילד־היסטעריש האָט זי זיך צעלאַכט,
צעפייערט,
צעטאַנצט, צעזונגען,
דעם גאָלד פון קאָפּ געריסן
און ביטערלאַך געוויינט.

ד.

א. הערבסט.
מיין זוניק־זאנגנען־זינגענדיקער הערבסט!
מיט שטאלץ טראג איך דיין גאלדענע קרוין אויף מיין פאלנדעם קאפ.
איך טאנץ מיט דיר דעם ווירבל־טאנץ
און טרינק דעם לעצטן קאס.
אין שא פון לעבן —
א, לעבן!

אט באלד —
און אויך מיין קרוין וועט ליגן אונטער די פיס,
און טרעטן וועט מען אויף מיין גאלד,
אויף מיין קאפ.

ה.

הערבסט !
ווי א זוינע אין לוסטיקייט
האסטו דיין רייפן־פולן קראַנץ צעפליקט ;
ווי אַ באַטרונקענע האסטו דיין גאָלד צעשאָטן,
און וואַנזיניקערהייד פון זיך געריסן די קליידער און די האָר.
איצט לויפסטו אום אַ נאַקעטע,
ווירבלסט מיט'ן ווינט
און יאָגסט זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט
נאָכ'ן גאָלד, וואָס דו האָסט אין זומער־זעט אנגעקליבן
און אַזוי אויסגעלאָסן־לייכטזיניק
פאַרשווענדט.

ו.

לויפן וואלקן־פערד אנגעטרונקענע,
שמייסט דער ווינט און פאטשט און פייפט און בייטשט.
טראגן פערד זיך ווילדער אין גאלאפ,
לויפן פערד אויף פערד,
קאפ־אויף־קאפ,
גריוועס, עקן, גריוועס,
פלעכטן זיך, שווארצן זיך,
און פינסטער איז: —
עס יאגט און פייפט דער ווינט,
עס גיסט
און שמייסט א רעגן.

דער איד.

צום אייביקן וואַנדער דיין פוס איז געטריבן,
צום אייביקן ליכט דיין אויג איז געווענדט.

א.

איך ווייס דעם עלנט פון די וועגן.
איך ווייס דעם פייער פון די אנגעגליטע שטיינער אין א זומער־רויטן טאג,
איך ווייס די קעלט און דעם ציטער פונ׳ם ווינט אין א ווינטער־ווייסע נאכט,
איך ווייס דעם פעקל אויף מיין פלייצע —
דעם אויצער פון דוירעס לאנג
אפגעהיט;
איך ווייס דעם שטעקן אין וואנדער־ווייטן וועג,
עס ווייס דעם גאלעס מיינע טריט

— —

אבער ווער ווייס פון אייך?
אז איך,
פון אלעמען געיאגטער, פון אלעמען געפלאגטער,
טראג די אויסלייזונג
פון נאכט, אין נאכט, דורך נאכט, —
ווי עס טראגט די זון
איר ליכט.

און אויפגיין רויטער ווי די זון וועט מיין אפפער בלוט,
און ווייטער פאר מיין טראט וועט זיך פארשפרייטען די יעשועה אויף דער וועלט,
און גרעסער פאר מיין פיין וועט זיין די דערלייזונג.

ב.

איז מיין צווייפל דער אנזאג פון דיין קומען?
איז מיין פיין דער אנזאג פון דיין זיין?

צו וועמען זאל איך ווענדן מיין בליק?
איך האב די אויגן געעפנט,
איך קוק אוים די וועגן און איך זע דיך ניט,

צו וועמען זאל איך אויסשטרעקן מיין האנט?
איך האב אנגעשטעלט מיין אויער און איך הער דיך נ
איך הער ניט דיינע טריט —
קומסטו,
וועסטו קומען?

ווערט דאך אין צווייפל די האפענונג געבארן,
ליגט דאך די אויסלייזונג אין פיין —
טא ביסטו דאך ניט קיין אויסגעטראכטער,
מוסטו דאך אין ערגעץ זיין —
א, וואו ביסטו,
וואו?....

ג.

איך ווייס ניט —
עפּשער בין איך, דער אדאם, דער אויסדערוויילטער,
אויף וועמען דער גורל איז געפאלן צו פארשפרייטן, מיט מיין וואנדערענדן טראט —
ווי עס צעשפּרייט דער ווינט, אין וואגל, די פּאלעס פון מיין קלייד —
זיין ליבע,
זיין גרויס גנאד.

עפּשער איז באשערט —
און זיין ווילן פון אים אליין באנערט —
איך זאל אין פיין
זיין ווארט א געלייטערטעס אויפהויבן,
און אייער שטראפער, וועג־ווייזער, אייער דערלייזער זיין —
ווער ווייס ?
ווער ווייס ?

העפקער.

ריווע'ן,
אין אנדענקען
פון אונזערע פאָגראָם טעג,
געווידמעט.

א.

קרייציקט מיך, איך בין א איד!
איך בין דער אורשפּרונג פון גאָט דעם אַלהערשער.
וואָס האָט פייער און וואַסער, ערד און הימל, זון, לעוואָנע און שטערן באַשאַפן.
וואָס האָט דער וועלט דעם ערשטן פלאַנץ געגעבן
און די ערשטע צען געבאָט.

קרייציקט מיך!
און זעט: —
פון די אויגן, פון אייער קריסטוס־גאָט, שלייכט שטום אַרויס מיין טויזנט יאָריקער פּיין;
פון זיינע וואונדן, זעט, פליסט מיין בלוט צום שאַרף און מעסער־גלאַנץ פון אייערע
טויזנט יאָריקע שכיטעס;

אין ווי ער, טראָג איך די דערנער־קרוין און די ליבע פאַר גאָר דער וועלט.
יוי ער, שטאַרב איך.
און אויפשטיין, ווי ער, וועל איך נאָכ'ן דריטן טאָג פון טויט.
אין שטייגן, ווי ער, וועל איך אין אייביקייט.

קרייציקט מיך!
און דער טאָג וועט קומען,
קומען מוז דער גרויסער טאָג!
פאַרנעמט.
געדיינקט גאָט'ס וואָרט:
„מיט בליצן.
„מיט דונערן וועל איך זיך צו אייך באַווייזן.
„און ציטערן וועט די ערד אונטער אייערע פיס.
„ברענען וועלן די הימלען איבער אייערע קעפּ.
„און גרויס וועט זיין דער טאָג פון שטראָף!
„און אויסשטרעקן וועל איך מיין האַנט.
„און צוזאַמענקלייבן פון די שיידוועגן, טליעס, שייטערהויפנס, ווי עס קלייבט דער
פּיטערער צונויף זיינע שאָף;

„און ציילן, ווי דער פּיטערער זיינע שאָף, וועל איך ציילן.
„און מאָנען וועל איך.
„און צאָלן וועט איר קאָפּ פאַר קאָפּ.
„גליד פאַר גליד וועט איר אומקערן.

„פארגיטיקן.

קרייציקט מיך!
און ווייסט: —
דער מארטירער גייסט פון יארטויזנטער פולסירט אין מיינע אדערן,
דעם סאד פון גאט און געטלאכקייט טראג איך אין מיין בלוט —
איהר קענט מיך ניט אויסראטן!

קרייציקט,
שלאגט מיך, פייניקט, מיימיסט מיך!
שטארק און בלינד איז אייער מעכטיקער קולאק,
גרויס און ליכטיק איז מיין כיזאיען.
איך זע:
די נאכט מוט זיך אויס פון לעצטן קלייד,
א וואלקן נאך א וואלקן צעגייט אין לופטן און צערינט,
און ריין איז דער הימל!
עס ברעכט דורך א נייע זון,
און עס שאלט,
און א שטימע דונערט,
רופט:
„פון די שיידוועגן, טליעס, שייטערהויפנס,
„פון די קעלער־לעכער, באהעלטענישן, בוידעם־דעכער
„קלייבט זיך צוזאמען און אלע ארום מיר,
„מיט מיר!
וועט איר אויפרייסן די אויגן — דערזען!
וועט איר אויפמאכן די אויערן — דערהערן!
און קניען וועט איר, קרייציקער, בויגן דעם קאפ צו דער ערד.
און קושן וועט איר דעם זוים פון מיין צעריסענעם קלייד,
וואשן דעם שטויב פון מיין וואגלענד־פארוואונדעטן פוס.
און זיך פארגיין, ווי די הינט אין א בלינדע נאכט פון שרעק, וועט איר
אין ביטערן נעוויין,
און מיט טפילעס פון כאראטע אויף די ציטערדיקע ליפן,
וועט איר אויסגיין...

ב.

און דו,
וואס דו האסט אויגן גרויסע, ליכטיקע, ווייטזעענדע
און ווייסט די וואונדער פון דער וועלט;
און אויערן האסטו אפענע
צו הערן דאס אינערלאכסטע און דאס טיפסטע צו פארנעמען —
זע!
דאס פאלק וואס האט דיר א נאמ געבארן,
און די נעוויאים אין דיינע לאגערן צעשיקט —
דאס פאלק —
צעמורשטשעטער פלייש און ביין —
הער זיין קרעכץ,
זע זיין בלוט —
שטיין!

אויגן האסטו גרויסע, ליכטיקע — דאך זעסטו נים.
און ווי קענסטו זען?
האט דאך דיין ברודערס האנט בלוטיק-ווילד די פרוי בא די האר געריסן,
מיט די ציין אין איר ברוסט ארייננעשניטן
און בלוט האט ער געזויגן,
בלוט!
פון בלוט א פארכלינעטער, אין טייווע א צעיושעטער,
האט ער דאס קינד פון אירע הענט ארויסגעריסן,
אוועקגעשמיסן —
און וועז זיין ליידנשאפט האט אויסגעברענט,
קאלט און געל און פארבלוטיקט אונטער זיינע הענט
איז זי — — — —
און אט באם וואנט, ווי א גיפסענער,
דער אלטער פאטער שטום און בלייך אנטקעגן שטייט.

נאר זיינע אויגן רעדן.
מאַנען —
ווי האָט ער געקענט פאַרטראַגן זיינע רייד,
דער איידעלער, פון דער מוטער־מאַרי, געצערטעלטער זון?
האָט ער דעם אַלטן באָם באָרד אַ שלעפּ געטאָן,
די קאַפּאָטע פון אים, דעם טאַלעס־קאָטן אָראָפּגעפּליקט,
דעם שמאַ־ישראעל, מיט דער לינקער האַנט, אים אין האַלדז דערשטיקט,
די רעכטע אויפגעהויבן —
אַ טשמעל —
בלוט און מאַרך האָבן זיך אויסגעמישט —
רייצט דאָס בלוט.
דאַרף מען אַ הוליע טאָן,
דאַרף מען פאַרשיקערן דאָס מיעסע,
דאַרף מען מיט עפּעס באַלעבן דאָס טויטע —
צינדט מען פייערן,
דרייט זיך דאָס פייער־ראָד,
צעטראָגט זיך מיט'ן ווינט אַ ווייִ־יאָמער־ספּאָזמישער ווילדער געשריי —
ברענט די מיל,
קנאַקט דאָס האָלץ,
ברענען בערד פון זקיינים, ברענען צעפּ פון קאַלעס,
דריקט אַ מוטער איר זויגלינג צום ברוסט און איין פייער עסט זיי אויף.
רויכערט.
צינדט מען נייע פייערן,
ברענט דער הימל איבער'ן קאָפּ,
פייערט די ערד אונטער די פיס —
ס'איז יאַנטעוו!
זאָל ברענען!
ברענט.
ברענען דאַך און הויז און שטאָל און שול, —
זאָל גרעסער, ליכטיקער, פלאַקערדיקער זאָל דער פייער זיין,
זאָל שענער, יאַנטעווודיקער
דער יאַנטעוו זיין.

און אויפגעגאנגען איז די זון.
דער קופאל האט אין ליכט געפינקלט, דער גלאק האט אין מארגן גערופן:
„קריסטוס איז אויפגעשטאנען!“
האט מען זיך געקושט,
געהאלדזט,
אין די פאסן פון אונדזערע וויים־צעשניטענע טאליסים זיך געוויקלט,
די בלוט־פלעקן פארדעקט;
אונדזערע שאבעס־ליכט אנגעצונדן
און פאר גאט געקניט.

— דו קוקסט מיך אן.
יואס רעד איך, וואס בלוטיק איך, —
נו, לאך פון מיר,
דו,
דו, וואס דו האסט אויגן גרויסע, ליכטיקע, ווייטזעענדע, —
ווילסט ניט זען, קענסט ניט זען;
און אויערן האסטו אפענע
צו הערן דאס אינערלאכסטע און דאס טיפסטע צו פארנעמען, —
ווילסט ניט הערן, קענסט ניט הערן —
קוק מיך אן,
גיב א קניימש מיט א ברעם,
שוויינ...

ג.

אהער!
איר הענט פארבלוטיקטע,
מיט האק און מעסער, לאם, שטריק און שטאנג,
מיט די קלויסטער־לעמפלאד,
גלאקן־קלאנג
און מארד־געזאנג —
אהער!

אהער!
מיט די פארשארפט־פארשפיצטע נעגל,
מיט די פארפלאמטע ניט געזעטיקטע, טייוועדיקע אויגן.
אהער!
איר באזויפענע, באטרונקענע,
טרינקט נאך —
ס'גיסט זיך עמער־צעבער־פעסערווייז אונדזער בלוט,
אונדזער זיס־רויט־זאפטיק בלוט,
וואס האט אייערע פעלדער אנגעטרונקען,
און אייערע קופלען ביז איבערפלוס אנגעפילט.

קריסטוס,
„הייליקער זון,"
זע!
די „ליבע" וואס דו האסט אויפ'ן קרייץ אין גסיסע אויפגעהאנגען,
האבן זיי מיט אומשולדיק בלוט באפארבט,
און דו שווייגסט —
הויב אויף דעם קאפ,
רייס אפ די הענט פון קרייץ —
„גאט!"

דעם גיפט פון וועלכן דו האסט בלויז פארזוכט
האבן זיי צו מיין פאלק געגעבן:
טרינקען דיינע אונבאהאלפענע ברידער,
שוועסטער,
און שטארבנדיק, ווי דו, כארכלען זיי ארויס דעם לעצטן רוף:
„גאט, מיין גאט, פארוואס האסטו מיך פארלאזן?"

— — — — — — — — — — — — — — — —

און פינסטער איז,
ערד און הימל שטייען שטיל,
קיין דונער ניט,
קיין בליץ,
קיין צייכן פון גאט'ס אלמעכטיקער האנט —
נאר קלויסטער גלאקן קלינגען,
דער קטוירעס רויכערט
און שטימען אין טויזנטער כארן זינגען,
זינגען א לויב־געזאנג
פאר אונדזער ריינעם בלוט, פאר אונדזער מארטער בלוט,
וואס האט יארהונדערטער זיי דערנערט
און זיי א גאט געגעבן.

אהער! אהער!
דא איז די איידע, ראוו און קינד,
אהער!
איר מערדער, סוילער, שענדער,
באטרונקענע, באזויפענע,
אהער!
טרינקט נאך,
שלינגט שלונג נאך שלונג —
פריי־און־פליסיק איז אונדזער בלוט —
היים און דורשטיק
אייער צונג.

אהער !
אהער !
אהער !
און האָט אייך אַרומגעכאַפּט אַ שרעק — גרויס איז די זינד —
בויגט איין די קעפּ, פאַלט אויף די קני,
און פאַרגעבן וועט אייך
„גאָט־פאָטער־זון־און־די־מוטער־הייליקע־מאַרי“.

אין יענעם טאָג.

יאנקל'ען און כייעמ'ען,
אין גלויבן אויף דעם נייעם טאָג,
געווידמעט.

א.

צום קרייץ
די הענט און פיס גענאגלט,
די דערנער־קרוין אויף דעם אראפגעהאנגענעם קאפ,
הענגסטו אויך די וועגן,
קינד פון וואגלענד־וואנדערנדן פאלק —
„מארטירער־גאט".

און איך וויים!
ווען עס וואלט נאר א דרייסטער איד געוואגט,
פון קרייץ דיך אראפצונעמען,
וואלטסטו זיך רייניגעוואשן פון דעם הייליקן בלוט,
פון די פינסטער־פאלשע קלויסטערס אנטרונען,
און מיט פרייד און געוויין אריינפאלן צו אונדז —
דיין פאלק,
וואס צאלט מיט ליבע פאר האס,
וואס האט די ליבע צו געטלאכקייט דערהויבן.

און איך האב דעם גלויבן:
עס וועט נאך קומען יענער גרויסער טאג,
ווען א דרייסטער איד וועט וואגן דיך אנטקרייציקן,
דיך ארויספירן פון קירך אין גאס
און דיך אריינפירן צווישן די מאסן וואס האבן דיך געקענט,
און זיי וועלן דיך ניט דערקענען:
ווארים ניט צום קרייץ גענאגלט,
מיט צעבלוטיקטע הענט און פיס און דערנער־קרוין אויפ'ן קאפ —
ניט קיין גאט —
נאר א שטראלנדער ווי א נאווי,
א מענטש צווישן מענטשן וועסטו שטיין.

און „ליבע“, דאָס הייליק־וואָרט,
פון פּריסטער פאַראומרייניקט, פאַרשוועכט,
וועט ריין־געלייטערט פון דיין מויל צו מויל אומגיין,
און זיי וועלן הערן, און זיי וועלן פאַרנעמען,
און אויסשרייען וועלן זיי:
ברודער,
מיר גלויבן!
מיר פאַרשטיין!

ב.

...און געהערט האָב איך אַ שטים,
שטאַרק און דונערנדיק, טיף און דרינגענד,
ווי פון וואָלקנס דורכגעבראָכן, ווי פון אָפּגרונטן אַרויס:
ניט הער די פאַלשע נעוויאים,
ניט הער!

זיי קומען אין קליידער פון שאָף אָנגעטאָן,
מיט דעם פאַלש־פאַרפירערישן וואָרט ווי קריגער אָנגעגורט,
און ווי די שאָף פירן זיי דיך אין שלאַכט —
פאַר וואָס?
פאַר ווען?
אומצוברענגען די וועלט אין בלוט?
אין בלוט די ישועה צו ברענגען?

און פאַרזאָגט האָב איך דיר:
אין בלוט געטויטעט — וועסטו אין בלוט געבאָרן,
אין דעם פייער פון דיין צאָרן וועסטו פאַרטיליקן דיין שאָכן און זיך,
און אָראָפּברענגען וועסטו מיין קלאָלע אויף דיין הויז, ווייב און קינד,
אויף דיינע קינדס־קינדערס ניט געבאָרענע וועלטן.

מיין נאָווי —
אים זוך — און דו וועסט אים געפינען.
זיין וואָפן — זיין כאָכמע און זיין מויל,
און שטאַרקער איז זיין גלויבן פאַר דעם קריגערישן רוף.

און מעכטיקער איז זיין אפערוויליקייט ווי די דרייסטע האנט וואס הויבט דעם שווערד

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ל—י—ב—ע

האב איך אים געגעבן,
און דורך מיין ליבע וועסטו אים דערקענען.
מיט גלויבן האב איך אים באזעלט,
און מיט גלויבן וועט ער דיך צו מיין קעניגרייך דערפירן

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין מיין נאמען וועט ער זיך אויפאפערן
און אין זיין נאמען וועל איך קומען.

און אין דער פינסטערניש האט א ליכט דורכגעבליצט,
און די הימלען האבן זיך געעפנט און פארמאכט:
איך האב זייןווארט געהערט
און טיף אין זיך
פארנומען.

ג.

וואס פירט מיך אויף די וועגן?
זעט דעם וועג!
ווער קרייזט מיין קאפ מיט דעם ליכט פון מארגן?
ווער בלענדט מיין אויג מיט די זעאונגען פון דעם נייעם טאג?

ליגן זויגלינגע,
ציטערן, פיבערן, זוכן דער מוטערס ברוסט;
ליגן זקיינים און טרויערן אויף דעם כורבן פון די יארן;
שפיזן פרויען אויגן און שניידן דורך דיין לייב מיט שאנד.
און איבער זיי —
די פעכטענדע האנט
טראגט
בלוט און וואוט.
צארן, האס, צעשטערונג.

טויט —
און ביקסן טראָגן אייערע זין!
לאַרבער־קראַנצן פלעכטן אייערע טעכטער!

און איך זע:
דער פייער, וואָס איר האָט אָנגעצונדן, וועט אייך פאַרברענען;
דער הונגער וואָס איר האָט געבראַכט, וועט אייך נאָכלויפן און פאַרניכטן,
די קראַנקהייטן, וואָס איר האָט געבאָרן, וועלן זיך נאָך אייך נאָכשלעפּן און פאַרטיליקן.
איר וועט אונטערגיין!
און עס וועט געבאָרן ווערן אַ נייער דאָר אינ׳ם ליכט פון נייעם מאָרגן,
און פאַרפלוכן וועט ער אייער טאָג,
אייערע וואָפן צעשמעטערן,
צעשטויסן, צעשטויבן,
צעשיטן
אין מיזראַח,
מאַירעוו,
צאָפן,
דאָרעם
און מיט גאָטס וואָרט אויף די ליפּן,
ליבע און פרידן וועט ער ברענגען אויף דער וועלט.

ד.

עס הייגנט איבער מיר
אַ הימל אַ ווייטער, אַ ריינער, אַ בלויער,
און הויך איבער מיין קאָפּ הייגנט אַ גלויבן אַ טיפער
פאַר דוירעס און דוירעס
צו קומען.
לייכט אַ זון פון הימל,
לייכט אַ האָפענונג פון מיין זעענדיקן אויג —
רוף איך:
מענטשקינדער,
קלייבט זיך אַרום מיר,
וואַרעמט זיך אין פייער פון מיין גרויסן גלויבן,

און זאָל מיין טרייסט באַפּרוכפּערן אייער פּרוכטלאָזן טראַט.
און מיין וואָרט זאָל אייך באַגייסטערן
צום נייעם לעבן!
צום נייעם לעבן!

הייבט אויף אייערע געבויגענע קעפּ,
שטאַרקט און קרעפטיקט אייערע אָפּגעלאָזענע הענט —
איך האָב די נאַכט מיט דעם לעצטן צאַנקנדן שטערן אויסגעלאָשן,
און געצונדן האָב איך אַ נייע זון.
אין נייעם טאָג.

זעט —
אין מיזראַד גייט אויף די זון אין נייעם ליכט,
דער נייער טאָג — אין פרידן.

ברעכט דאָס ברויט און עסט צו זאַט;
גראָבט טיף דעם קוואַל פון ליבע און גיט דעם סוינע פון אים צו טרינקען;
בויט דאָס נייע הויז און לאָזט אָפן שטיין די טירן

— —

וואָרום ווי וועט זיין צו אייך,
ווי!
ווען איר האָט די וואָפן אוועקגעלייגט, קדיי איר זאָלט קענען מיט מער שטאַרקייט
זיי אויפהויבן;
ווען איר האָט אייער קאַס פאַרלאָשן, קדיי איר זאָלט קענען מיט מער פייער אים
אָנצינדן;
ווען איר האָט דעם בעכער בלוט אוועקגעשטעלט מיט דער האָפענונג אַ גרעסרן,
פולערן, בלוטיקערן בעכער צו טרינקען

— —

איך זאָג צו אייך —
און זאָל קלאָר זיין מיין וואָרט ווי די זון —
צעשמעטערט די וואָפן פון׳ם נעכטיקן קריג,
טייוועלט זיך אין בּאַראַטע פאַר׳ן פאַרגאָסענעם בלוט פון׳ם נעכטיקן שלאַכט,
ווען ניט וועל איך מיט סינע די וועלט אָנצינדן,
אַ ברודער אויפ׳ן שאַרף פון׳ם ברודערס שווערד
וועל איך אומברענגען....

ה.

עפן דיין אויג און זע,
און גיי און הער דאס ביטער געשריי,
און הויב אויף דיין שטים ווי א לייבן געברום
און רוף:
איר אפגעפרעסענע זעטיקט זיך אויף דעם הונגעריקנס ברויט;
איר מעכטיקע —
אייער אויג — א באפעל, אייער ווארט — א געבאט
און דראהענד איז אייער הערשנדע האנט.
שפאנט איר דעם ברודער אין יאך,
בויגט ער זיין רוקן און ברעכט זיין געביין,
שקלאפט ער און שלעפט
שטיין נאך שטיין,
שטיין אף שטיין,

און עס וואקסן צו די הימלען
די טורעם־שפיצן און גאלדענע קופאלן,
אין עס בלענדט דאס גאלד אין פארגלייך מיט דעם ליכט פון דער זון,
און די פינקל־שטיינער שפאטן מיט זייער גלאנץ און לאכן פון מיין שטערן־שטויב

— —

אין וויין און שנאפס און ביר צו טרינקען איז דא גענוג!
און פרויען?
די פרוי מיט דעם געטראנק ווערט געביטן.
און פארכאלעמט באטרונקענע פונ׳ם נארקאטיש־בלויען רויך, —
וואס וויכן זיי פון גאט
און זיין ווילן?

און זאג צו זיי: —
גאט האט אייערע פאלאצן געזען און אין די קעלער־לעבער ארייגעקוקט;
גאט האט אייער וויין־ליד געהערט און דעם ביטערן געשריי פארנומען —
און ווי וועט זיין, —
ווי צו דעם, וואס האט זיין ברודער פארשקלאפט און באטראגן;

ווי צו דעם, וואס האט זיין שוועסטער פאראומגליקט און צו שאנד געפירט;
ווי צו דעם, וואס האט די מוטער פון איר זויגלינג אוועקגענומען
און פאר זיין אם געמאכט.

הערט די, וואס זיינען נאך ניט טויב פאר זיין ווארט
און ווייסט זיין גערעכטע האנט! —
ער וועט מעסטן, אפוועגן, אורטיילן און —
באצאלן...

ו.

שטיי אויף —
נאך ניט געענדיקט איז דיין וועג.
דעם שטעקן נעם און קרייז ארום דעם גאלדענעם קרייז.
דעם הערשער אויף דעם גאלדענעם טראן,
דעם גייסטלאכן ארום דעם גאלדענעם מיזבייאך,
און זאג צו זיי:
קעניגען,
פון וועמען זיינט איר געקרוינט?
גייסטלאכע,
פאר וועמען רויכערט איר דעם קטוירעס
און די פייערלאכע געזאנגען פאר וועמען טוט איר זינגען?

טראנען גאלדענע האט איר זיך אויסגעגאסן
און קעגן מיין ווילן האט איר אייער סצעפטער אויפגעהויבן —
האב איך אייך ניט פארזאגט:
ווילסט גרויס זיין — דער גרעסטער צווישן אייך זאל אייך דינען...
האט איר אבער ווידערשפעניקט מיין ווארט —
זיך פאר הערשער געקרוינט
און אייער ברודער פארשקלאפט און צו אייער פוס־בייגקל אים דערנידעריקט.

געבעט־הייזער טורעמדיקע האט איר זיך אויפגעשטעלט,
און קעגן מיין ווילן האט איר זיך פאר גייסטלאכע געזאלבט —
האב איך אייך ניט פארזאגט:

ווילסט גאָט בעטן — גיי אַריין צו זיך אין שטוב, די טיר פאַרשליס,
און ווען אַליין,
אַליין מיט זיך און מיט גאָט,
אַז ווערטער פיל, אַז ווערטער שטום —
בעט —
און איידער דו עפנסט נאָך דאָס מויל, ווייס גאָט אין הימל דיין ווילן,
דיין פאַרלאַנג.
האָט איר אָבער ווידערשפעניקט מיין וואָרט —
זיך פאַר גייסטלאָבע געזאָלבט,
און אייער ברודער פאַרפירט און אַ פאַלשן גלויבן אים געגעבן.

און ווי איז צו אייך,
איר זעלבסטגעקרוינטע, איר זעלבסטגעזאַלבטע,
פאַרפירער און צינזן־מאַנער,
ווי! ווי! —
דער טאָג איז נאָהענט,
און קומען וועט דער טאָג.

ז.

דער שטורם האָט מיך געבאָרן,
אַנגעגורט מיט שטורם לאָז איך זיך אין וועג
און דרייסט איז מיין טראָט און דראָהענד איז מיין רוף און צאָרן.
גיט מיר אייער אויער
און הערט —
גאָט האָט אַ וואָרט מיר געגעבן,
הערט זיין וואָרט!

איר האָט די קעניג־קרוין אַראָפגעריסן,
דעם פורפור־מאַנטל אויף שטיק־שטיק־שטיקעלאַך צעפליקט,
דעם סצעפטער צו אַ זקן פאַר אַ אָנשפּאַר־שטעקן געגעבן אין נייעם וועג —
גוט!
ניט פון גאָט איז ער געזאַלבט,
ניט גאָט געגעבן האָט אייך אַ קעניג.

איר האט אין די געבעט־הייזער אריינגעבראכן,
די ליכט, דעם ניירטאמעד, דעם קטוירעס אויסגעלאשן,
די בילדער,
סטאטועז,
דעם אלטאר פארברענט —
גוט!
ניט גאט האט אייך פארזאגט געבעט־הייזער אים צו בויען,
ניט גאט האט אייך פארזאגט מיט ליכט און קטוירעס אים צו דינען.

איר האט די גאלד־וואגן צעשטויבט,
די הענדלער, מעקלער, שינדער פון מארק פארטריבן און פאריאגט,
די אשירעס צום געקריוודעטן באטיילט —
גוט!
ניט גאט האט זיי די אשירעס געגעבן,
ניט גאט האט זיי די גאלד־וואגן געשענקט.

איצט שטייט,
ניט מער קיין שפאן אין אייער קריגערישן טראט!
האט אייך גאט פארזאגט א שווערד צו הויבן?
ניט פארבלוטיקט אייער גערעכטע האנט! —
ל—י—ב—ע
האט אייך גאט אין לעבנס־וועג געגעבן,
מיט ליבע היילינקט, זעטיקט אייער ברודערס שאנד.

ח.

איך זאג: —
הויבט אויף די אויגן צו מיזראך
און זעט דאס גרויסע ליכט וואס לייכט אויף מיט דעם נייעם פרימארגן.

איך זאג: —
טיפט איין די אויגן אין אייער טיף
און זעט דאס גרויסע ליכט צעפלאקערט אינ׳ם שיין פון די נייע זעאונגען.

איך זאָג: —
דאָס גרויסע ליכט, פון אים געצונדן, האָט אייך אויפגעוועקט
— —
איצט זעט —
בלינד איז אייער אויג געווען
און פאַרנעפּלט פון ניט קלאָרע כאַלוימעס.

איך זאָג
און הערט מיין שטים: —
נעמט דעם אַקער,
נעמט דעם האַמער און צוואַנג,
הויבט אויף אייער קאָל אין איין מעכטיקן געזאַנג
און יאַוויוועלט.
רופט:
„דער טאָג פון גאָט'ס געבורט איז געקומען!"
— —
און אין ליכט פון פרידן וועט איר אים דערזען,
אין די צעטיילונג פון אייערע רייכטימער וועט איר זיין געטלאַכקייט דערקענען.
און גרויס וועט זיין דער טאָג,
און אויסגעלייזט די וועלט,
אייער וועלט.

ט.

פראַלט אויף די טויערן —
איך קום!

טיר און פענסטער צעעפנט —
אַרויס!
אַרויס אין די גאַסן צו אומאַרמען די וועלט אין פרייד
און מיט מיילער צעעפנטע צו זינגען דאָס ליד פון ליבע —
אַרויס!
אַרויס!

קומט מיר באַגריסן
מיט טאַץ, פּויק און טענץ.
מיט אַ יאַנטעוו פייערלאַכקייט און דאָס ליד פון הערבסטיקן זעט.

שטייט אויף!
ברעכט דאָס שווייגן מיט אַ געבעט,
שפּרייט די שאַבעס רו אויף אַלע וועגן —
ווייסט:
ניט טרערן בין איך געקומען זאַמלען,
ניט וואונדן אייטערדיקע בין איך געקומען זען.
הערט:
דער טאָג, אויף וועלכן איר האָט יאָרן לאַנג געוואַרט, שטייט פאַר אייער שוועל;
דער גייעל, אויף וועמען איר האָט דיירעם לאַנג אַרויסגעקוקט, קלאַפּט אין אייער טיר—
עפנט אויף.
זעט, דערקענט:
אייערער פון דיירעם אויסגעבאַלעמטער,
אין פּיין, גלויבן און האָפענונג געבאַרענער,
פון אייך גערופענער,
געזעענער —
פאַר אייך די פרייד פון מיין קומען...
פאַר אייך די פרייד פון מיין זיין...

אָן אַ פייגנבלאַט.

דורך מיר — פארבאָטענע שטימען,
שטימען פון געשלעכט און טייווע,
שטימען פאַרשלייערטע — פון מיר אַנטשלייערט,
שטימען אומאנשטענדיקע דורך מיר געלייטערטע און געענדערטע.
וואַלט וויטמאַן.

א.

וואס איז דאס אין דער נאכט, וואס צינדט אין מיר די בלוטן
און ברענט מיט ליידנשאפט מיין איך?

וואס איז דאס אין דער נאכט, וואס פאריוורטע ארום מיין בעט,
טאנצן די שענסטע יונגפרויען אין זייער נאקעטקייט פון אונטער
שלייערס פילפארביקע, דורכזיכטיקע?

וואס איז דאס אין דער נאכט, וואס פול איז די לופט מיט פליסטערנדע
סוידעס, און די פינסטערניש, מיט צארטע הענט אויסגעשטרעקטע?

איז דאס די מענלאכקייט וואס ארום מיר קישעפט, —
ביז איך מאן געווארן,
צי האט די נאכט זיך מיט מיר א שפיל צו טאן פארשווארן?

וואס איז דאס,
וואס?...

ב.

דו וואַכסט אין דיינע שלאָפלאָזע נעכט, —
ווענען האָסטו יענע נאַכט אין דיינע זעאונגען פאַרופן ?

עס וואַכט די מאַמע אין די נעכט,
און וואָס פאַר אַ כאַלוימעס זי שפינט פאַר איר טייער קינד,
די גוטע מאַמע.

אויפ׳ן קישן אַ ברענענדער איז דיין קאָפּ געפאַלן,
דיין גאַנצער קערפער האָט געציטערט,
געפיבערט,
גערופן :
ווייב !
ווייב !
ווייב !

אויפ׳ן קישן אַ טרוימענדער איז איר קאָפּ געפאַלן,
און כאַלעמענדיק האָבן געשעפטשעט אירע פרומע מוטער־ליפּן :
מיין קינד,
מיין טייער קינד !

אין פרימאָרגן,
די צאַרטע מוטער־האַנט האָט דיך אויפגעוועקט,
דיך היים אַרומגענומען,
אַ קוש געגעבן ;
און ניט געענטפערט האָסטו אויף איר קוש.
ווי דערוואַכנדיק האָסטו אין אירע ליבע אויגן אַריינגעקוקט,
פאַרשעמטערהייט די אויגן אַראָפּגעלאָזן : —
דער מאַמעס ריינער כאַלעם האָט ווי דער פרימאָרגן טוי געפינקלט,
־יין כאַלעם, ווי אַ סילועט, איז שווייגנדיק געשטאַנען אין הינטערגרונד פון נאַכט.

ג.

און האסטו מיך א מאן באשאפן,
טא וואו איז זי — די פרוי?

און האסטו מיינע אדערן מיט הייסן בלוט אנגעגאסן,
מיט לײדנשאַפט אנגעצונדן מײַן גוף —
טא פארוואס האסטו די לעבעדיקע קוואלן פון מײַן גרייך אוועקגענומען?
מיך א דורשטיקן,
א ברענענדן
געלאזן אין ראנגעלניש מיט זיך? —

ד.

פייערן, פייערן,
נים געזעטיקטע פייערן,
צינדן זיך אין מיינע אנגעצויגענע אדערן.
פלאמט אויף מײַן זין און דער פלאם איז א רוף,
זינגט אין טאנץ פריי מײַן בלוט נאכ'ן בויג פון דײַן גוף —
און מיט רייץ איז די נאכט,
און מיט פארשיקערונג פול ווי די בלום —
צענעם איך די הענט און נעם דיך ארום,
און פייערן לעשן זיך.
ס'לעשן זיך פייערן.

ה.

אין האלבער נאכט
האט זי מיין שטערן שטיל באריהרט,
די בלוטן אין מיין גוף צעפירט —
און פול ווי א בעכער
בין איך געווען.

אין האלבער נאכט געזען
האב איך זי מיט צימבל און פיל סטיינגעס
לייכט אויף אירע לייכטע פיס.
זי האט געטאנצט,
זי האט געזונגען, זי איז געשפרונגען,
לוסטיק־ליידנשאפטלאך
צימבלענדיק דער צימבל האט געקלונגען.
און בלוטן
נאכ'ן טאנץ פון בלוטן האבען זיך צעטאנצט,
און אויגן —
נאכ'ן גלאנץ פון אויגן האבן זיך צעגלאנצט,
און הענט מיט הענט
האבן זיך ווילד ארומגעכאפט,
געשלאסן.

— — — — — — — — — — — — — — —

דא האב איך שטארק אויפגעאטעמט,
אויפגעוואכט —
איבער מיין פענסטער
א האלבע לעוואנע איז בלייך געשטאנען,
אין האלבער נאכט.

.ו

ווי דער בוהיי צום שווערן קיים געשלאסן
בריקעט מיט די פיס,
ב־ר־ו־מ־ט,
רופט די קו וואס פאשעט זיך אין פעלד —
אזוי ברום איך
און רוף אין לײדנשאפט די פרוי —
באנאכט.

און קײנער ענטפערט ניט מײן רוף.
די פראסטיטוטקע פאר רענדלאך איר אומרײנקײט פארקויפט,
בלינד,
ווי עס פארקויפט דער שמוגלער אויפ'ן קוק א „זעלטן־טײערן" שטײן.
און די פרוי ? —
זי קענסטו פאר קײן זילבער־געלט ניט קויפן ! —
בריקע איך אין די נעכט,
ב־ר־ו־ם
און ווער פארברענט

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דעם סאד באהאלטן
מײנע אײנגע, ארימע פיר ווענט.

ז.

שניידט ווי א דארן מיין לייב —
די ליידנשאפט.
לויף איך מיט ברענענדע ליפן און ברענענדע אויגן —
לויף צו דיר,
צו דיר.

קום איך צו דיר, איז פארשלאסן די טיר,
און דו הינטערן טיר —
לאכסט פון מיר,
פון מיר.

פארשלים איך די מוסקולן, פארקנעט איך דאס לייב,
און זעטיק די ליידנשאפט —
איך אליין בין מיין ווייב,
אין אליין!

ה.

ווער ?
ווער האט אין מיר די פייערן אנגעצונדן
און מיך געטריבן דורך טאג און נאכט —
צו דיר,
אין דיינע ארעמס,
ווי עס טרייבט דער ווינט און טרייסלט בלאט און צווייג און בוים —
ווער האט מיך צו דיר געבראכט
אין דער שפעטער שא
פון נאכט ?

ווי א גאנעוו מיט שטילע טריט געמאסטענע,
און ווי א קינד מיט א ציטערדיק־קלאפנדיקן הארץ,
האב איך דעם נומער פון דיין הויז אראפגעלעזן,
און באהאלטענערהייט זיך ארייננעכאפט אין דיין פרייער טיר,
וואס שטייט טאמער אפן —
פאר מיר,
ווי ניט פאר מיר.

און א פרייד האט אין מיר געפלאטערט און א שרעק,
און געברענט האט אין מיר די בושע און די ליידנשאפט.
און דא
ווי אין שיקרעס א באטרונקענער —
ניט איך,
א צווייטער האט דיין נאקעטקייט געקויפט,
ניט איך,
א צווייטער האט זיך גענעטיקט און איז זאט געוועז

— —

איך בין א דערשלאגענער פון דיין הויז ארויס
און אין נאכט געבלאנדזשעט.

ט.

...איך קוק אויף דיר,
אויף דיין פון ראָזן־זייד אַנטבלויזטן קערפּער,
און פאַר מיינע אויגן שפּיגלט זיך דאָס בילד פון יענע יאָרן:
ווי פון אַ האַמוין צעריייצט און ווילד,
די שיינע מאַגדאַלענאַ צום פאַרשטיינען איז געבראַכט געוואָרן,
פאַר אַט די זעלבע זינד,
וואָס איך און דו באַגאַנגען זיינען דאָ

— —

אין די אויגן פון דער בלוי־שטומער נאַכט,
פאַר גאָט׳ס בלאַס־מאַטער לעוואָנע־שיין,
קאַלגאַטאַ,
קאַגלאַטאַ מיין!

ווי ליב, —
זע ווי טיף איז די בלוי־שטערנפולע נאַכט!
דו שווייגסט און ליגסט זיך פויל, אין זיך פאַרטיפט,
פאַרטראַכט,
לאָזט שלענגלאַך בלויעז רויך,
און, באַשטראַלט פון נאַכטיקן שימער, געפּאַנגען האַלסט מיין בליק.
און איך קוק אויף דיר,
אויף דיין גראַציעזן, ראָז־בויגיקן קערפּער,
אין דער טיף פון דיינע בלויע, אין זיך איינגעגראָבענע אויגן,
און טראַכט:
פון דעם וואָס אויך נאָר איצט מיט פאַרביטערונג און האַס

דיין פוס־טראָט ווערט פאַרשפּינז פון היפּאָקריטן אין דער גאַס ;
און וואָס מענטשן זינדיקע,
געמיין,
וואָלטן אויך נאָך איצט אויף דיר געוואָרפן דעם ערשטן גרעסטן שטיין

— —

אין מיטן העלן טאָג,
פאַר גאָט׳ס גאָלד־שטראַלנדיע זונען־שיין,
קאַלנאַטאַ,
קאַלנאַטאַ מיין !

.י

פרוי,
אין דיינע צעלאזטע שווארצע האר,
ווי אין די גרודעס ערשט צעגראבענע ערד,
קריכט אום מיין ליידנשאפט אויפ'ן בויך
און גראבט זיך, ווי א הונגעריקער ווארים,
אין דיין זאפטיק־זעטיקן לייב.

.יא

איך וויל דיין ליד,
דיין צימבל און דיין ברוסט.
איך וויל דעם כאלעם פון דיין טיפן אויג,
דעם פייער פון דיין יונגער ליפ,
דעם ריטם פון דיין טראט.
!בא גאט
מיר וועלן פון איין קופעל טרינקען,
— רויכערן דעמזעלבן ציגארעט
איין בעט
פאר דיר און מיר,
מיין שווארץ־אויגיקע,
בויגיקע רילקא.

יב.

און דו,
דו איין־און־צוואַנציק יאָריקער,
וואָס שלעפּט זיך אום ביז שפּעט אין נאַכט
און זוכט אויף יעדן ווינקל־גאַס
אויגן צוויי,
צוויי פולע בריסט,
ווי עס זוכט מיט שאַרנדיקע פיס דער האָז
א קערנדל אין מיסט —
וואָס ווייסטו,
וואָס ?
ווען דו ביסט ביז האַלבע נאַכט געזעסן,
נעשטיפט, געלאַכט,
מיט איר בא א גוטן פּאַפּיראָס און גלאָז שוימענדעם ביר פאַרבראַכט, —
איז דיין מאַמע בא דיין ליידיק בעט געזעסן,
געזיפצט, געקלערט,
מיט אומרו אין גאָס אַרויסגעקוקט
און ביטערלאַך געטרערט.

יג.

און די נאַכט —
דער מאַרק־פּלאַץ פאַר דיין האַנדל,
ציט.
ברייננט יונג און אַלט.
טראַגסטו דיין קערפּער צום פּאַרקויף;
טראַגט זיין אויג וואַג און מאָס —
וועגט ער,
מעסט —
ביסטו געפעלן
וועט ער דיך נעמען פאַר דער שאַ.
ווען ניט —
טוט ער מיט עקל אַ שפּיי
און אוועק.
און ווייטער זוכן זייַנע אויגן
צווישן שוואַרצע קראָהען,
ווייסע־טויבן —
אין נאַכט.

יד.

האסט געקויפט,
וואס נאר געלט קען קויפן;
זי האט פארקויפט,
וואס איר פרויענלאכקייט נאר פארמאגט —
און שיין איז די נאכט,
און רייצנד איז די פרוי אין עראטישן שפיל
און ליב

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און האט דער מארגן־שטראל די שווערע גארדינען דורכגעשניטן —
אויפגעשפרונגען,
האסט גיך אויף זיך די קליידער ארויפגעכאפט,
פארראכטונג אין דאנקבארקייט איר צוגעווארפן,
און —
ניט געלט צום קלינגען,
נאר א שיינעם יונגען קערפער האט זי צו פארדינגען —
ווען דו דאך קומען
מיט דער שפעטער שא פון נאכט.

טו.

איך האָב געזוכט —
אויפ'ן ראַנג גאַס האָט זי מיך געפונען.
אירע אָרעמס האָבן מיט צאַרטקייט מיך אַרומגענומען;
אירע ליבטיקע אויגן האָבן אין מיינע אויפגעפלאַמטע אויגן אַריינגעקוקט;
און ווען מיין גוף האָט אין ליידנשאַפט געפיבערט,
געצוקט,
איז זי — קאַלט ווי אַ געוויילע געלעגן.

מיט עקל האָב איך זיך פון איר אָפּגעקערט,
אַ שפּיי געטאָן,
אַוועק,
און די גאַס פאַרשאָלטן,
אירע טריט,
זיך —
און מיין ניט באַהערשטע טייווע.

טז.

זעקס־און־צוואנציק יאר,
און וויפל מענער? —
דו האסט פארגעסן זיי צו ציילן,
ווי דו האסט פארגעסן זייער אויסזען,
זייער באנעמונג,
זייער פרייז —
דאך הונדערטער געדיינקען דיין געשטאלט
און דעם פארגעניגן וואס דו האסט זיי פארשאפט
און די טעג פון שפיל
און הייסן בלוט.

און ווען דו איצט אין גאס זיך ווייזן —
ווער וועט דיינע קנייטשן קויפן, דיינע אויסגעדארטע בריסט?
הונדערטער וועלן זיך מיט עקל פון דיר אפקערן,
טויזנטער וועלן פארשפייען דיינע טרים.

יח.

זאג —
וואס פירט דיך די נאכט צו מיין טיר,
וואס ווילסטו פון מיר?...

יונג בין איך
און היים בלוט האב איך.
דורשטיק און פלאמיק זיינען מיינע ליפן,
ציטערדיק און פיבערדיק — מיין גוף.
ווייסטו דאך,
אז אויסער מיין יוגנט האב איך ניט מיט וואס זיך צו גרויסן,
און אויסער מיין ליבע האב איך קיין איין זילבער־שטיק דיר צו געבן.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טא וואס ברייננגט דיך די נאכט צו מיין טיר?—
זאג —
וואס ווילסטו,
וואס פארלאנגסטו פון מיר?...

ים.

ליכט א שטערן.
שפרייט די נאכט איר בלאס־הייליק ליכט.
ווי די ליליען אין דער האנט פון א קאלע — ריין

— — — — — — — — — — — — — —

ליכט אויף דיין אויג.
לאזט זי שעמעוודיק די אויגן שטיל אראפ
און מיט א געבויגענעם קאפ.
צעלאזטע האר און האלב אנטבלויזטע ברוסט
אין בושע,
צום אלטאר זי פירט
איר צניעס און —
איר כאלעם

— — — — — — — — — — — — — —

שטרעקסטו אוים דיין האנט
און נעמסט מיט צארטקייט, ציסט מיט פייער זי צו זיך

— — — — — — — — — — — — — —

פאלט זי לײדנשאפטלאך צו
און קלעפט זיך ציטערדיק
אין נאכגעביקייט
און ליבע.

כ.

פארשוועך ניט די נאכט
מיט דיינע צעשויבערטע האר
און מיד־אויסגעלאשענע מאטע אויגן.

קום צו מיר
אין פלאטערדיקן, פרייען קלייד,
מיט א האלבע לעוואנע דיינע האר באצירט,
און מיט א שטערן פונק אין דיינע יונגע ליבע אויגן.
לאמיר זיך אומארמען אין צערטלאכקייט און שלים,
ווי די בלעטלאך פון א בלום.
אין זונפארגאנג;
לאמיר זעטיקן די לײדנשאפט מיט א הייליקייט,
ווי גלויביקע באם אלטאר,
די געטער דינען.

כא.

א דערשלאָגענע
געטראָפן פון זיין האַנט,
האָסטו ווי פאַר א האר צו אים געקניט —
אין אומגליק.
האָט ער זיין מאַכט דערפילט
און ווילד, ווי א לייב אויפ'ן רויב, האָט ער זיך צעברילט.
ביסטו א פערכאַלעשטע,
מיט אויגן פאַרשוואָלענע, געפאַלן צו דער ערד.
און העכער האָט ער די בייטש געהויבן,
שטאַרקער נאָך איבער דיין נאַקעטן לייב געשמיסן.
ביז באַוועלטיקט, דיך פאַרשקלאַפט
און ווי א ריטער שטאָלץ
איבער דיין פייגהייט
געריטן.
איצט ליגסטו אין טרערן טיף פאַרזונקען,
פון אייגן פלייש דערנערט,
פון אייגן בלוט באַטרונקען.
א קאָרבן —
צו זיינע פיס.

כב.

מיין קערפּער —
און וואָס דאַרפסטו דען מער?
דו דאַרפסט ניט מער,
ניט מער.

בין איך דיין געטרייע דינסט באַטאָג,
דיין ליבע ווייב — באַנאַכט.
צאָלסטו מיט דיין סכירעס פאַר מיין איבערגעבענהייט צו דיר —
בין איך דיין דינסט,
דיין ווייב,
איינמאָל און פאַר אַלע מאָל
פאַרקויפט צו דיר.

כג.

ניט דיין סכירעס יעדע וואָך,
און ניט דיינע אומאַרמונגען יעדע נאַכט
דערפרייט מיין לעבן.

איך גאַר,
איך דורשט נאָך אַ שאַ פון שטילע רייד,
נאָך אַ פאַרטרויענסווערטע שאַ פון דיין אינערלאַכסטן לעבן.
דערציייל, וואָס לייכט דיין פּנים אַזוי אין פרייד,
זאָג, וואָס איז דיין קאָפּ אַזוי געבויגן אין פּיין —
טייל זיך מיט מיר.
לאָז מיר פאַרשיקערן דיין צאַר מיט מיין מיטגעפיל און ליבע,
לאָז מיר מיט שטאָלץ און מיט פרייד נאָך דיינע דרייסטע טריט נאָכגיין.
איך וויל דיין כאַווער
און ניט נאָר זיין — דיין ווייב.

כד.

באם אלטאר,
אין דינסט צו גאט,
האב איך מאן און ווייב געטראפן.
די ליבע
אין ליידנשאפט צעברענט,
אומארעמענדע,
מיט געשלאסענע הענט האבן זיי געבעטן:
אין ליבע שענק אונדז, גאט, א קינד!
אין ליבע גיב אונדז, גאט, א קינד!

כה.

שוואנען,
איר ווייסע שוואנען,
געטראפענע,
צעשאסענע פון זינד,
זיינט איר פון די בלויע הויכן צאפלענדיקע געפאלן
אויף מיין נאקעטער, אין ליידנשאפט זיך באדענדער, ברוסט —
שוואנען,
מיינע ווייסע שוואנען!

כו.

א, איר נעזירים!
אין דינסט צום אלהעכסטן,
ווי די ליכט באם אמעד, גייט אוים אייער לעבן.
און ווי פארמעטן פארשטויבטע ליגט איר אין די מויכעס פון זינדער,
וואס גרויסן זיך מיט אייער נאמען
און לאכן פון אייער צניעס.

כז.

ווילסט פארטויבן די לײדנשאפט מיט די צניעס פון נאזיר,
און צינדסט אן די ליפן מיט גאט׳ס הייליקן ווארט

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קומט די נאכט,
ליינט איר פארפירערשע האנט אויף דיין אקסל
און רופט דיך אין פעכט

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

הויבסטו אויף דיין קאל אין טפילע
און פאלסט אן אומריינער
צו אירע פים

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייל מעכטיקער פאר גאט׳ס ווארט איז די נאכט,
פירכטערלאכער פאר זיין געבאט
איז די לײדנשאפט.

שטערן־שטויב.

לִיליען
צאַרטע, קאַלטע
פון דער לעוואָנעס בלייכע שטראַלן בלאַסער
וועבן אויס מיין שאָטן־ליד
אויף דעם זילבער־זוידן
שטילן וואַסער.

א.

נאכט דו ליבע,
א. צויבערפולע נאכט!
אין דיינע שאַען שטילע וואָלט איך שטענדיק אַזוי פאַרטראַכט
געזעסן, און געקוקט אין דיין טיפער, בלויער טיף.
עס באַצויבערט מיך,
ס'פאַרקישעפט מיך דיין צאַרטע,
מאַטע ליכט,
און ס'ציט מיך צו מיט ווילדער לוסט דיין הייליק־בלאַס געזיכט;
און שטיל, א, נאכט פאַרהיל!
איך וויל פאַרטראַכט אַזוי אַנדרימלען
באַ דעם זוים פון דיין בלוי־זיידן, ווייך־נעבלדיקן סלייר.
באַשטראַל מיך, נאכט!
און מיט דעם בלאַסן שימער פון דיין פערל־זילבער ליכט,
פאַרשטיינער מיך
צו אַ דענקמאָל פון ווייסען מאַרמאָר גלייך:
ווי איך זיץ פאַרטראַכט,
די אויגן צו דיינע בלויע הימלען אויפגעהויבן —
א, צויבערפולע נאכט!

ב.

שטייט א פולע לעוואנע,
קוקט גלייך אין פענסטער צו מיר אריין,
סאקעטירט,
ציט אן א שלייער,
און שפרייט איר בלייכן
פארקישעפטן שיין.

קושט מיין אויג דעם גרויען שלייער,
צעגייט דער שלייער ווי א רויך;
אויג אויף אויג מיט דער לעוואנע —
פארשעם איך מיך,
ווער בלייך.

ג.

לעש אוים דעם לאמפּ.
און באַם שפּילעוודיקן פייער פון קאַמין,
לאָמיר שטיל אַזוי זיך וויגן.

און האָסטו מוירע,
ס'וועט אויסברענען דער לעצטער קויל
און וועסט אין פינסטערניש פאַרבלייבן —
שרעק זיך ניט,
מיין קינד.
זעסט,
ס'וועט זיך די לעוואָנע דאָ באַם פענסטער באַלד פאַרקלייבן,
און אַרויסשלייערנדיק אַ האַלב־געזיכט,
שעמעוודיקערהייט —
דורכוועבן מיט די גאָלדענע פעדים ליכט
וועט זי די בלויע שאָען
פון אונדזער שווייגן.

ד.

וויפיל גאלד פארשלינגט די נאכט,
די ווייד־טרעטנדע, פארוויגנדע נאכט.

אט הער איך
אירע לייכטע, פלאטערנדע טריט.
זי קומט.
זי שפרייט די הענט
און נעמט מיט לײדנשאפט ארום
מיין יונגע, לויטערע זון.

פארשעמט זיך די זון און רויטלט זיך,
גראבט טיפער איין דעם קאפ אין אירע שאטנדיקפולע בריסט
און ווערט אנטשלאפן.

ווינט די נאכט
דעם פארכאלעמט, טרוימענדן קאפ
און זינגט אים א שטערן־שטילע ליד
אין געבורט פון מארגן.

ה.

פארוואס איז האלב נאר די לעוואנע,
פארוואס איז נעפעלדיק אזוי די נאכט?
ווער שלייכט דארט אום,
ווער וואכט,
וועז האלב איז די לעוואנע,
און בלייך אזוי
די נאכט?

ו.

בלויער הימעל,
שטילער בלויער טרוים!
איז דיין שוים ברויזט אויף מיין ליד און ווערט צעשוואומען,
ווי כוואליענד בלויער,
זילבער שוים.

CHARITY

א.

קענסטו זי,
די בייז־אויניקע,
די שלאנג,
וואס שטעלט צום קרייץ־פארהער און מאכט צו שאנד,
„דעם",
וואס קלאפט אן בא איר אין טיר,
בעטלענדיק פאר דאס ארים אויסגעבעטעלט ברויט,
וואס זי, מיט א ראכמאנעס פאנים האט צונויפגעקליבן
און טיילט מיט גיפט,
מיט פאראכטונג
אויס.

א! —
האסט שוין אנגעקלאפט אין אט דער שווערער טיר,
דעם בלוטיקן שוועל האסטו איבערטראטן;
און זי,
די בייז־אויניקע, אויפגענומען האט דיך,
ווי א הונגעריקער וואלף דאס ארים שעפסעלע נעמט אויף: —
שארפט אן די אויגן,
מיט פארקריצטע ציין און ווירדע שטאלץ באקוקט,
דרינגט דורך —
און ווי נאר זי האט דאס מויל געעפענט —
„אייער נאמען" —
א פרעג געגעבן,
ביסטו א פערציטערטער געווארן
און, ווי א שולדיקער, צו איר אין די הענט זיך איבערגעבן,
און ניט זיך אליין,
נאר אויך דיין טאטען, מאמען, שוועסטער, ברידער,
די גאנצע מישפאכע,

אלע,
אלע פריינט —
זי האט דיך אויסגעהערט,
פארשריבן,
און נאכטראכטנדיק געזאגט:
„דאס אלעס הייסט“.

האסט זיך אויפגעהויבן,
ארומגעקוקט,
צום טיר א דערשלאגענער זיך שטיל גענומען
און געשומט האט דיר אין קאפ, געטריקנט האט דיר דער גומען

— —

ביסט ארויס,
דאס העלע ליכט דערזען,
די פינסטערע שאנד

— —

און פארביסן האסט די ליפן,
אין א פויסט פארדריקט די האנט,
און וואקלענדיק אוועק אהיים.

און א טאג געווארט,
און א לאנגע, לאנגע נאכט,
האסט געקלערט,
געטראכט —
געדאנקען פינסטערע האבן אין די טהוימען דיך פארטראגן,
און צוהערנדיק צום הארצנס הויכן שלאגן,
האסטו געשפאנט,
געשפאנט,
צוויי-טויזנט-און-איין-מאל דאס הויז דורכגעגאנגען,
צוויי-טויזנט-און-איין-מאל דעם איין געדאנק באקלערט,
די נאכט איז אוועק,

און מיט'ן הימל א פארשלייערטע איז די זון ארומגעגאנגען,
ווען מיט אמאל —
האסט א לייכטן קלאפ אין מיר דערהערט

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„גוט מארגן!
„וואוינט דא ניט דער און דער? —
„א! ס'זיינט איר אליין —
„איך בין די און די", האט זי זיך פארגעשטעלט —
ביסט רויט געווארן
און אין צעטומלעניש איר א פארנעצטן שטול געשטעלט.
„כ'דאנק!" —
אנרוקנדיק די ברילן האט זי דאס ביכעלע ארויסגענומען,
געפרעגט, פארשריבן,
און ווארפנדיק א העלישן בליק,
ווי א פייער ארומכאפנדיק דאס גאנצע הויז,
האט זי דעם קאפ אראפגעלאזן
און, ווי א קאץ, מיט לייכטע טריט ארויס.

איז דיר ענג געווארן,
ענג און שווער.
און דאס הויז ניט אנצוקוקן מער ביסטו אין גאס ארויסגעלאפן —
ערשט אויגן פיר האבן דיך געפאנגען,
אויגן פיר האבן אין דיר זיך אנגעהאנגען,
צוויי האבן ווי באדויערט,
צוויי האבן שארף און דרינגענד נאכגעקוקט

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דו, ווי א פארברעכער, מיט א זייט האסט זיך ארויסגערוקט,
און ס'האט דיין הארץ געטרויערט
און דיין זין געצוקט.

און לאנג האסטו געווארט,
געגלויבט,

נאר קיינער איז מער געקומען

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

האסטו די כארפע מיט'ן ברעג ארבעל אפגעווישט,
די ליפן ביז בלוט פארביסן,
מיט מוט זיך אנגענומען
און אוועק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פריינט,
וואס האט מיט דיר געטראפן ?
זע דיין פאנים !
זע דיין אויג !
זע —
וואס ביסטו אזוי אויפגעבראכט,
דערשלאגן —
דו שוויגסט, דו שווייגסט —
מיינסטו טאקע מיט אז עמעסן ניט א ווארט צו זאגן ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א. גוטער ברודער,
ניט באהאלטן קען די צונג,
ווען פון דיינע ברענענדע אויגן רעדט דער צעגליטער פייער־פונק

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בארוהיק זיך, מיין פריינט,
ס'איז ניט דאס ערשטע מאל אזוי,
און ניט נאר היינט,
ס'וועט מארגן,
איבערמארגן
מיט פילע אנדערע דאסזעלבע טרעפן —
צום טייוול ! —
צו וואס דאס נארעש מאכן זיך,
דאס קוויינקלען זיך,
דאס שעמען —
און באדיינק זיך נאר, פאר מיר,
פאר וועמען ?

א, יא,
זי האט מיט די ציין אריינגעביסן אין דיין וואונד,
און אנגעזעטיקט מיט דיין רויט־פליסנדעם בלוט,
ארויסגעטריבן האט זי דיך ווי א בייז־מעשוגענעם הונט —
וואס.
ניט עמעס?
פון וועמען ווילסטו לייקענען.
פון מיר,
פון א געפאלענעם, געטראפענעם ווי דו? —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

ב.

ברענען זאָלן די שטיינער, וואָס פירן צו דיין טיר,
פרוי — — —
ווערעמען זאָל דיין צונג וואָס טראָגט נאָר גיפט און ליגן,
און פוילן זאָל דיין לייב, וואָס באָדט זיך אין צווייטנס בלוט.
אויפ'ן בלוטיקן אַלטאַר, וואו דו האָסט טויזנטער געשענדט,
וויל איך אַ געשענדעטע דיך זען, אויף די טויזנט־פייער־צונגען,
וואָס דו האָסט אין הערצער טויזנטע אָנגעצונדן.

באַ דיין טיר, —
זע די מענער, פרויען, קינדער,
די קראַנקע, צעבראָכענע, קאַליקעס, פאַרצווייפעלטע —
זע !
ווי הינט געשמיסענע פאַלן זיי דיר צו די פיס.
און דו,
טרעגערן פון ראַכמאָנעס, טיילערן פון צדאָקע —
ברענסט מיט דיין באַליידיקנדן בליק,
גיפטיקסט מיט דיין שלאַנגען־צונג
און טרעטסט אומדערבאַרעמלאַך אויף די, וואָס ציטערן אין וויי
און שטרעקן צו דיר אויס די הענט
אין אומגליק.

ג.

ווי זע איך דיך
מיט האר צעשויבערטע, ווילד אין ווילדן טאנץ,
ווי א בייזן־הונט זיך נאך זיין ווידל דרייען,
אין שווארץ־רויטן קרייז,
וואס דו האסט מיט הענט פארבלוטיקטע
רונד ארום זיך פארצייכנט.

איז נאך ניט שטארק גענוג די שטריק,
וואס דו האסט פון ליגן יארן לאנג געפלאכטן
און מיט איר די העלדזער פון אומגליקלאכע געשטיקט —
נאך ניט שטארק גענוג איז די שטריק
דיין אייגן האלדז צו דערווערגן ?

קענסטו נאך ארונטערקוקן צו די טויזנטער,
וואס דו האסט מיט דעם האס פון פאראורטייל געטראטן

— —

און ניט טויב ווערן פון זייערע ווײ־געשרייען,
ניט בלינד ווערן פון די טויטלאכע זעאונגען,
און ניט זינקען אין פייער־אפגרונט, וואס דו האסט לאכנדיק אנגעצונדן...

מיט א געהויבענעם קאפ שטייסטו פריסטערן באם אלטאר,
און אין פאלשן דינסט, צו גאט, רייניקסטו זי די נעגל פון בלוטיקן רויב,
וואשסט דיין עלאסטישן קערפער פון די שווארץ־רויט־קלעפיקע פלעקן

— —

און פרום,
מיט דעם הייליקן ווארט אויף די גיפטיקע ליפן,
שליסטו די אויגן ווי אין אומשולד צו,
און מיט וואוילן מערערע געהילט,
טוסטו דיין שמוציקע אוויידע
אין רו...

ד.

...און נאך אמאל הויב איך אויף די הענט און שריי:
מענטש,
וואו איז דיין ראכמאנעס,
דיין הארץ?

זע,
פון זיין קלייד האסטו אים אויסגעטאן
און ווי אן ערשט־געבוירן קינד איז זיין נאקעטקייט געלאזן;
זיין ווירדע האסטו פון אים גערויבט
און אין אומפארשעמטקייט האסטו אים אין דיין טעמפל אריינגעפירט;
צו שאנד האסטו אים געמאכט,
און צו שפאט האסטו זיינע אויערן געעפנט

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דו ביסט גרויס!
און גרויס איז דיין טאט!
און לויבנסווערט דיינע מייסים!
ער וויינט, —
און דו באדסט זיך אין קאווער, אין לויז, פאר דער טרער פון געפאלענעם.
ער ראנגעלט זיך
און דו פילסט דעם בעכער —
נעם!
און מיט פארברענטע ליפן ווארפט ער זיך צום טרונק:
צום בלוט, וואס דו האסט פון אים זויגנדיק ארויסגעצויגן,
און מיט געפאלירטע פינגער־נעגל
אים דערלאנגט.

און ליבע איז דער געבאט פון מענטש צו מענטש,
און גערעכט און אלמעכטיק איז די האנט פון גאט.
פאר גוטס מיט גוטס טוט ער צאלן.
און ווי איז צו אייך —
איר, וואס האט געמאכט אייער ברודערס אומגליק צו סכיירע,
און אייער שוועסטערס ווײ — צו גאלד.

ה.

לאז מיר נאך אמאל זען דיין אויג.
טרעט! —
באליידיק! — פארדאם! —
לאז מיר נאך אמאל דיין גרויזאמקייט פילן,
זאל נאך אמאל און שטארקער אמאל אויפברויזן אין צארן
מיין געטראטענער, מיין באליידיקטער, מיין פאראורטיילטער —
איך!
ווייז אים די טיר,
זאל ער ארוים! —
און ארייננלאכן זאל ער דער וועלט אין פאנים,
ארויפבויגן דעם קאפ און וויינען —
אין צאר.

ו.

...און איילנדיק פארביי „טשארליטי"
איך זעט:
ווי עפעס מוירעדיקעס לויפט אריין און לויפט ארויס,
קלאפט די טירן הין און הער,
הוסט און שפייט און אטעמט שווער,
לאכט און זיפצט,
וואויעט,
בילט,
בייסט די ליפן, טאנצט און שילט —
ווייסט —
דאס איז ער,
ער...

DE PROFOUNDIS

א.

מיינע אויגן צו דיינע הימלען אויפגעהויבן.
מיינע הענט — אין דיין אומענדלאכער וועלט אויסגעשפרייט.
עפן איך מיין הארץ
און ס׳פערלט אראפ, ווי א מוטערס הייסע טרער, פון מיינע ליפן,
א שטיל געבעט:
גאט.
באהעפט מיט גלויבן מיין זעל;
איך זאל אין לויב דיך קענען דינען
און אן שטרויכל אין דיינע וועגן גיין.

ב.

לאז מיך פאלן צו דיינע פיס,
פיל מיין הארץ איז און ציטערדיק — מיינע ליפן.
עס רייסט זיך א שלוכצן און א טיף דערדריקט געשריי —
פארטרייב מיך ניט!
אנגעלאדן קום איך איצט צו דיר.
הער אוים דיין ארים קנעכט.
פארנעם זיין טפילע.
זיין געבעט.

די האסט פון דיינע געטלאכע מאטאנעס מיר געשאנקען,
מיט ־עם פייער פון דיין געטלאכקייט האסטו אנגעצונדן מיין הארץ,
אויף דיינע געטלאכע וועגן געפירט האסט מיין טראט.
האסט געעפנט מיין אויג,
מיך דעם לעבן און זיין גרויזאמקייט געוויזן.
ווי א פרינץ, דעם ליגן אין פיל־פארביקע רייכע קליידער פארביינעפירט —
האב איך נאכגעקוקט,
נאכגעפאלגט,
און ווילד, ווי א לייב, האב איך זיך צעברומט.
מיט מיין בלוט און הייסן אטעם האב איך מיין שטימע אויפגעהויבן —
ווי האב איך שווייגן געקענט,
ווען דיין ליבע מיין הארץ האט געוואונען,
מיט דיר אין מיין הארצן, זאג, ווען אנדערש קען איך דינען?

האסט אבער פארגעסן דיין קנעכט,
האסט אפגעקערט פון אים דיין ארעם און דיין אויג —
טרעטן זיי דאס הייליקסטע מיט די פיס.
רוף איך —
הערסטו מיין שטים?
ועסטו דיין קאוועד קומען באשיצן —
און דיין קנעכט?

ג.

ס'האט דיין קנעכט זיין גוף צו פייניגונג געווארפן,
און זיין גייסט אין לייטערונג דערהויבן.
בליקן זיינע אויגן אין שטומען געבעט צו דיינע הימלען ווייט ארויף,
און ווי דאס פארזינדיקט קינד באם פאטער,
בעט ער — פארגעבונג.

פאלט צו די נאכט,
און שווערער ווערט דער הימל אז איין ליכט,
און באלד —
א באוועגלאזער וועט דער כוימער אז אטעמלאזער ליגן
— —
נאר שמעקעדיקער פאר דעם בלומען דופט און לייכטער פאר דעם פרימארגן ווינט —
יער גייסט א געלייטערטער וועט צו דיינע הימלען שוועבן.
וועסטו דאך ניט פארמאכן די טויערן פאר דיין קנעכט?
ווי א גוטער פאטער וועסטו דאך אין דער לעצטער שא
דיין ארים פארזינדיקט קינד —
פארגעבן...

ד.

דיין ליכט ניט נעם אוועק פון מיר,
דעם לעצטן שטראל.

ציען זיך בעטנדיק מיינע הענט צו דיר,
רופן טפּילעדיק מיינע אויגן:
גאָט פון ליכט!
שענק נאָך אַ שטראַל דיין אָרים שטאַרבנדן קנעכט,
מיט מער גלויבן ער זאָל קענען דיין פּאַטערלאַכקייט לויבן,
און שירע זינגען צו דיין גרויסער,
געטלאַכער שיין.

נאָך איין טאָג אין טפילע לאָז מיך פאַלן צו דיינע פיס,
נאָך איין טאָג לאָז מיך דיין קנעכט, דיין טרייער דינער זיין —
נאָך איין טאָג!
נאָך איין טאָג!

ח.

א, ווען איך וואלט, איך גלויבן, זיך געקענט דערהויבן —
די פיר ווענט, ווי דורך א נעם, וואלטן אין א טעמפל זיך פארוואנדלט.
די פינסטערניש אויפגעגאנגען וואלט אין ליכט.
א, ווען איך זאל קענען עפענען מיינע ליפן און טפילע טאן...

האב איך אבער מיין נאט, ווי א קינד זיין שפילצייג, צעבראכן.
ווייט א קעלט אין מיין צימער
און גרוי, ווי די ווענט, און שטום איז מיין הארץ.
נאר שאטנס,
ווי מיין צווייפל קלעפיק־קאלט
דרינגען, ווי די מאנסטער, פון דער פינסטערניש ארויס.
עסן, ווי די פיאווקעס, זיך איין אין מיין לייב.
לויערן.
ווארטן אויף דער מינוט מיך צו פארצוקן...

ו.

מיט גאט אויף די ליפן
בלאנדזשע איך אום — ווי דאס קינד
וואס ווייס פון טאטע,
מאמע,
און ווייס נים פון זיי —
איך גיי
און זוך דעם גאט וואס איז דא...
דעם גאט וואס איך קען נים געפינען...

פּעלר בלומען

א.

דער פרילינג
האָט מיט ווייסן־צוויט מיין קאַרשן בוים באַקראַנצט —
אין פרילינג האָב איך דיך געטראָפן.
דער צוויט האָט פון דיין קאָפּ אַראָפּגעשמעקט,
די יונגע זון האָט פון דיינע אויגן אַרויסגעלויכטן.

דער זומער
האָט מיר רויטע קאַרשן געבראַכט,
האָב איך די קאַרשן פון מיין בוים געריסן,
איין קאַרש מיט דיר געביסן —
דו האָסט געלאַכט.
איך האָב די אויגן צוגעמאַכט,
נאָט געדאַנקט
פאַר זיין ליבן פרילינג
און שפּילעוודיקן זומער.

ב.

ס'האָט דער פּיקערפּוינגל זיין ליד אויפגעהויבן —
ס'איז טאָג!
מיין האַרץ האָט אויפגעזונגען,
און דיך זוכנדיק האָב איך אין סאָד אַרויסגעקוקט.

און דאָן
און ווייס איז דער צווייג,
און שמעקעדיג איז דיין אָטעם ווי זיין דופט, און זיס.
און מילך־ווייס קרייזן די טויבן איבער מיין קאָפּ —
אין זייערע פליגל הער איך דעם פלאַטער פון דיין קלייד.
מיט זייערע פליגל הויבט זיך אויף און ס'פלאַטערט מיין האַרץ פאַר פרייד.
האָב איך קערנדלאַך געשפּרייט;
די מילך־ווייסע צו די פיס אַראָפּגערופן,
די אינגסטע אויפ'ן האַנט גענומען,
מויל צו מויל מיט מיין ליבע זי אָנגעטרונקען, —
צו דיר זי אָפּגעשיקט.

קענסט דאָך די אינגסטע פון די טויבן:
נעם זי אויפ'ן האַנט,
און מויל פון מויל זויג אויס מיין ליבע און מיין קוש —
לאָז מיך דיין הונגער זעטיקן
און דיין דורשט
אָנטרינקען.

ג.

ווי עס עפנט די זון מיט איר קוש די טוליפאנען בעכערלאך אויף,
די פרימארגן זון דיך קושנדיק געעפנט האט דיין אויג.
און ווי עס טאנצט דער שמעטערלינג אין זון,
געטאנצט דיין זעל האט פאר פרייד,
אין ליכטיקער פרימארגן פרייד.

און דו ביסט שיין אין די שמעטערלינג פליגלען א פלאטערנדע;
אין דו ביסט ליב אין לייכט־פליענדן טאנץ.
ווען עס זויגט דיין טראט דעם קילן טוי
און קושט די יונגע בלעטלאך גראז.

און הויבסטו אויף דיין שטים —
דיין ליד די שעפסעלאך רופט צונויף;
נעמסט דאס קלענסטע, שענסטע אויפ'ן האנט ארויף
און טרינקסט מיט זיי, ווי א שעפסעלע אליין, פונ'ם קלאר־ציענדן שטראם.
וואס פליסט זינזאניש פון די בערג אראפ.
טאנצנדיק פון שטיין צו שטיין
און זינגענדיק —
טראפ־פאפ!
פאפ!
פאפ!

ד.

איינמאל נאר —
און איך צענעם ווייט, ווייט די הענט,
איך פלי,
און אט בין איך בא דיר,
מיט דיר.

איינמאל נאר,
איין־און־איינציק גליקלאכע מינוט,
און א פארכאלעמטער גיי איך ארום —
דיינע צאפלדיקע ליפן אויף מיינע ציטערדיקע ליפן —
און עפעס ווארעמעס צערטעלט טיף מיין הארץ —
איינמאל נאר.

און ווען איך אונטער׳ן שאטן פון א בוים מיך טרעפן
אין א לעוואנע נאכט שטיל ליגן,
וועקט מיך נים!
ס׳איז ליב אזוי צו טרוימען,
לאזט די צווייגן אין שאטן־שפיל מיך וויגן,
וויגן...

ה.

קינד פון פעלד,
דו ליבסטע פון די לאנקעס.
אין פרילינג,
אויף דעם שמעקעדיקן בלומען־בעט,
האסטו אין טאג בעבערס גאלד געטרונקען ;
און אין נאכט — מיט פארשלאסענע אויגן ווי אין כאלעם —
דאס ליכט פון די שטערן געזויגן.
לייכט דאס גאלד און טריפט פון דיינע יונגע ליפּן ;
שימערט דער שטערן־שטויב, גלימערט פון דיינע טיפע אויגן,
און ס׳אטעמט דיין טראט מיט דעם פרילינג־זיסן דופט.
קינד,
מיין קינד פון פעלד,
דו ליבסטע, שענסטע פון די לאנקעס.

ו.

איך האב בלומען פארזעצט
און דיך פאר מיין גערטנערן געמאכט, —
מיין בלום,
דו שענסטע פון די בלומען.
קלייבסטו די בלומען און פלעכסט אין קראנצן צוויי —
א קראנץ פאר מיר,
א קראנץ פאר דיר.
און באקראנצטע לאמיר אין בלומען־טאנץ צו די פוילען ארויספליען ;
זיי וועלן אונדז אין בלומען פרייד באגריסן
און מיטזינגען אין אונדזער ליד —
מיין בלום,
דו שענסטע פון די בלומען.

ז.

קום!
דו, מיין ליבסטע פון די גערטנער.
קום מיט מיר!
און דיינע בארוועסע פיס וועל איך מיט די ווארעמסטע קושן באדעקן;
דיין טונקעלן האלדז וועט מיין פינקל־פריידיקע טרער פארשנירן.
און דיינע אפגעברענטע ארעמס
וועלן מיינע שלאנגיקע פינגער ווי ארמבענדער גאלדענע פארשליסן.
קום!
און ווי א קעניגין אויף מיין געפליגעלטן כאלעם —
אין רייכטום פון מיין ליבע געקליידט —
וועל איך דיר אין דער וועלט פון מיינע זעאונגען פארפירן.
און גליקלאך וועסטו זיין מיט מיר. —
ליבסטע.
דו, מיין שענסטע פון די גערטנער.

ח.

מיין פלינל —
א בלויער כאלעם פון נאכט.
וועל איך דיך אונטער מיין פלינל נעמען
און אויפהויבן וועלן מיר זיך העכער פון דער ערד.
העכער פון די העכסטע שפיצן בערג.
און רייכער פאר דעם רעגנבויגן און שענער — איז מיין ליד;
וועל איך זינגען.
און אנשפארן וועסטו דיין קאפ אויף מיין ברוסט
און דרימלען אונטער דעם זייד־ווייכן פלינל
פון מיין בלוי־אויסגעכאלעמטער וועלט.

ט.

דאס גראז בויגט זיך אונטער מיין טראט אין געזאנג,
און ס'פאלט דער צווייט און שפרייט א שנייאיק־זילבער וועג פאר מיר,
א זילבער־ווייסן כאלעם פון א זילבער־בלייכע נאכט.
הויב איך אויף מיין אויג,
זינגט די זון
און לאכט,
און אלעם ציט אזוי און רופט: —
א קום, דו ליבסטער מיינער, קום!
דער וואסער קרוג איז פול,
דאס ברויט איז פריש.
און אפן —
איך שטיי באם טיר,
איך שטיי און ווארט פאר דיר —
טא קום, דו ליבסטער מיינער, קום!
און בלום נאך בלום
איך ריים און פלעכט און זינג מיין ליד:
מיט בלומען,
אין בלומען פרייד איך קום.
איך קום!
איך קום!

י.

דריי אוים דעם לאמפ.
ווי פליגלען ברייט צעעפן דאס פענסטער פאר דעם כאלעם פון דער ווייטער נאכט
און ברייטער נאך ווי פליגלען, צעעפן דיינע ארעמס פאר מיין טרוימנדן קאפ,
וואס זוכט רו אויף דיינע יונגע פולע בריסט.

קלייב אוים צוועלף שטערן — און איך וועל דיין הירשן האלדז באשנירן;
קלייב אוים צוועלף שטערן פאר ארמבענדער צוויי.
און פארשלייערט,
ווי די לעוואנע פארטראכט,
אינ׳ם וואלקן־שיף, דו זעסט, וועלן מיר דורכשיפן די נאכט
און ארויפשיקן — א שטערן, וואו פינסטער איז;
א שטערן פאר דער מוטער איבער דעם קינד׳ס וויג,
א שטערן פאר געליבטע אין זייער אויסגעכאלעמט ליד.

יא.

פרימארגן.
דער ערשטער שטראַל.
דער ערשטער שמייכל פון דער אויפגייענדער זון אין מיין פענסטער
רופט מיך אין פעלד צווישן די גרינס און בלומען —
קלייב איך דאָס גאָלד — אַ קנאַפּל פאַר דיין טראַט,
און דעם פרימאָרגן פינקלענדעם טוי דיין האַלדז צו באַצירן.

שטייגט די זון אַרויף פון די נעבלען פריי אַ שטראַלנדע,
שליס איך מיינע אויגן בולטער דיך צו זען.
וואַש איך הענט און פּנים,
בעט אין טפילע:
בעט פאַר דיר.
פאַר דיר.

און זאַלבט די מיטאָג זון מיין קאָפּ,
באָדט מיך אין דעם גאָלד פון אירע שטראַלן —
שליס איך צו די אויגן און אין ליכט פון פאַרביקע וואָלן
זע איך דיינע שוואַנען אויסגעשטרעקטע הענט אַ גינגאָלד קרוין מיר פלעכטן —
שמייכל איך צו דיר,
צו דיר.

שוועבט די זון, שיפט אָפּ צו מאַירעוו,
שטרעק איך אויס די הענט און נעם צונויף מיט פרייד די פאַרביק־פולע זיסע פרוכט,
וואָס איך האָב אין טאָג מיט מי אָנגעקליבן.
און טראָג צו דיר.
צו דיר.

און נידערט שטיל די זון אַראָפּ —
...דער איך צו דיינע פיס, בויג דעם קאָפּ
...יי זינג דאָס ליד פון זעט און ליבע —
... דיר.

יב.

האט זיך דער בושעל אויף דיין הויז אפגעשטעלט ?
האט ער מיט זיין שנאבל דריי מאל אין דיין דאך אנגעקלאפט ?
האט ער דריי מאל די פליגלען צעפאכעט,
זיך אויפגעהויבן
אין אוועק ?

איך בין באם ברעג געשטאנען,
ווען ער האט אין יעבידעם זיין ווייסקייט געטויכט ;
און ווי נאר ער האט זיך אויפגעהויבן,
די פליגלען ווייט צעשפרייט,
האט אין ערוואַרטונג
א פריידיק־גלויביקער מיין בליק אים באגלייט —
האט ער דיר מיין גרוס איבערגעגעבן
און מיין ליבע ?

יג.

איך ווייס דיין וועג צום שטראם,
און די שעה ווען דיין דורשט קומסטו שטילן.

שטיי איך אויף'ן פעלדזן־שפּיץ
און קוש דעם שטראם וואס פאלט צו דיינע פיס ;
זופּסטו מיט דורשט מיין ליבע
און דאנקסט גאט
פאר זיין קוועלנדן וואסער
און היים־גליענדע
זומער־זון.

יד.

האסט געהערט מיין ליד ?
מיט זונפארגאנג האב איך צו דיר געזונגען.

מיין רעכט האנט האט די זון צו די בערג ארויפגעפירט.
די שפיצן מיט גאלד געצונדן;
און ווען שפילנדיק אראפגעקייקלט.
א פלאמענדע זי איז אין לעצטן ליכט שטיל אויסגעגאנגען —
אויפגעהויבן האב איך די לינקע האנט.
דעם הימל איבער מיין קאפ אין בלויען אויפגעהאנגען.
און בלוי־שאטנדיק־ציענד געטראגן האט זיך מיין קלאנג —
האסטו פארנאכט צו די בערג ארויסגעקוקט ?
האסטו געהערט מיין געזאנג ?

טו.

די אזערע איז בלוי, און פלאר, און שפינלדיק.
קוקסטו אין איר טיף —
וועמען האסטו אויפ׳ן וואסער פארטראכט.
וועמען צערטעלט דיין בליק ?

און לאזסטו זיך אין וואסער שטיל אראפ —
דאס בילד צעשווימט.
צו וועמען שטרעקסטו דיינע גארענדע הענט.
וועמען זוכסטו אף דיינע יונגע פולע בריסט צו וויגן ?

און האסטו דעם פליושטש אין א קראנץ געפלאכטן.
אויפ׳ן וואסער אים געשיקט —
וועמען האסטו אויפ׳ן צווייטן ברעג דערזען.
צו וועמען האט דיין בליק געשיפט ?

טז.

די זון
דאס ליד פון גאלד האט אויסגעשפונען.
און פארגאנגען איז די זון —
אין גאלד.
האבן די בערג אין גרויער קעלט געציטערט,
איינס צום צווייטן אין גרויער בענקשאפט זיך געטוליעט און געהילט.
ביסטו שווייגנדיק געזעסן.
געקוקט אין רוים —
האסטו דעם אנקום פון די שטערן געציילט?
וויפיל שטערן אנגעצונדן האט די נאכט?

ווייסטו ניט,
האסט די שטערן ניט געציילט.
נאר ווייט, ווי זוכנדיק, האבן דיינע אויגן ווייט געבליקט —
איז דאס די זון?
נאך איר גאלד האסטו געביינקט? —

יח.

האסט געהערט דאס ליד פון די שטערן?
האסט דאס ליד פון די שטערן ניט געהערט.
וואלסטו אין נאכט ארויסגעקוקט.
בא דיין פענסטער א פארבענקטן וואלסטו מיך געטראפן,
א כאלעמנדן שעפטשענדיק מיך געזען.

איך האב דאס ליד פון די שטערן געהערט:
וויג־לידער האבן זיי איינס צו דעם צווייטן געזונגען;
מיט זיי האט געזונגען מיין ברוסט.
מיט זיי בין איך — ווי א שאטן — שטיל בא דיין פענסטער געשטאנען,
און א פארשעמטער, ווי די לעוואנע, אין דיין פענסטער געקוקט.

וואלסטו אין נאכט ארויסגעבליקט —
דיין שיינעם קאפ אין מיינע ארעמס, ווי א קינד, אויף מיין ברוסט
וואלט איך שטיל דיך געוויקט;
מיט מיין קוש דיינע אויגן וואלט איך אין כאלעם געשלאסן
און טפילעדיק געשעפטשעט:
איך האב דיך ליב!
איך האב דיך ליב!

יט.

און וועט קומען דער טאָג,
און וועט מיין פייער דיין בלוט מער ניט שטילן,
און מיין אויג וועט מער מיט פרייד ניט אנצינדן דיין שמייכלענדעם געזיכט —
צי אַרונטער מיינע וויעס:
אין זיך וועל איך דיין בילד אויפהאַלטן.
מיין נעשאַמע, ווי א נייר־טאַמער פּלעמל, וועט ציען זיך צו דיר,
צו דיר וועל איך מיינע לידער זינגען.

כ.

צו וואָס דערמאָן איך עס,
צו וואָס?
ווען איך וואָלט געקענט פאַרגעסן יענע שאָ,
און די מינוטן צו ציילן ווען איך וואָלט געקענט פאַרגעסן —
מיט דעם פרימאָרגן טוי
און מיט דער פאַרגייענדער זון אין טפילע,
וואָלט איך געבעטן:
נים נעם אוועק פון מיר איר בליק;
אין גליק
פון איר אויג געקושט, אין אירע אָרעמס געשלאָסן,
מאַך צו מיין אויג,
און מיט מיין ליבע פאַרזינגל איר ברוסט —
אין אייביקייט.

כא.

האב איך דאך פאר דיר מיינע פליגלען געעפנט,
אין מיין רייטוואגן דיך ארייננעזעצט
און מיט דיר דורכגעפלויגן די וועלט פון מיינע זעאונגען.

האסטו מיין ליד מיט דעם דופט פון דער נאכט איינגעאטעמט,
מייז כאלעם מיט דעם צויבער־פאדים פון דיין ליבע פארוועבט —
איז דאס געווען דאך אזוי בלוי,
אזוי ריין —
יא ווער האט דעם פאדים איבערגעריסן,
ווער האט געגאנוועט דיין הארץ?

קוק איך אין הימל און פרעג בא די שטערן:
ווייסט איר ניט ווער ס'האט מיין געליבטע אוועקגענומען?
שווייגן די שטערן
און שלייערן זיך שעמעוודיק אין וואלקענדלאך גרויע —
האכטו פארזאגט זיי צו שטומען?

ס'שווייגן די שטערן,
מיט זיי שווייגט די נאכט,
און פארשטומט איז מיין זעל און מיין ליד;
נאר ארוים פון די בערג מיט די ווינטן עס ווייט. —
מיר דוכט זיך, איך הער זי,
איך הער זי —
זי גייט!

כב.

באטאג.
אליין אין פעלד שפיל איך און זינג דיין ליד,
שפיל און זינג און בענק נאך דיר,
נאך דיר.

און זעסטו מיך אין נאכט
א וואנדלענד בלייכעז אין לעוואנע שיין א בלאסן וואנדלען —
וויים:
דיין ליד ווי א שאטן פירט מיך אום —
אויף די וועגן וואו דיין פוסטראט א צייכן האט געלאזן,
דיך גרים איך שטום...

כג.

האסט פאר דעם קעלבל א גאנצע נאכט געגישטערט,
דאס פעלד און גארטן הין און צוריק מיט דיין טראט אויסגעמאסטן,
אונטער די בוימער,
צווישן די קוסטעס געזוכט,
און ניט איינגעפאלן איז דיר א קוק צו טאן אין מיינע שטאלן —
איך — דער גאנעוו,
האב דאס קעלבל ניט פארפירן געוואלט, —
נאר אין נאכט דיר צו מיין גוטס פארנארן,
מיט דיר זיך דורכריידן,
דיך צוריק געווינען.

כד.

ווי האסטו א נאמען געגעבן די בלום בא דיין פענסטער?
ניט מיין נאמען טראגט די בלום.

אין נאכט האב איך זיך צו דיין פענסטער צוגעגאנגען.
די פייערפליג מיט איר גלי האט געשימערט,
מיין האנט באלויכטן,
ווען דעם שפראץ איך האב פול מיט ליבע פארזעצט
און מיט א טפילע די ערד פארשאטן.

איצט זע איך אין די פרימארגנס,
ווי עס יעט דיין צארטע האנט און צערטעלט מיין בלום;
ווי דיינע דורשטיקע ליפן טרינקען דעם דופטיקן טוי —
מיינע פינקלדיקע טרערן,
וואס איך האב אין נאכט־געבעט צו די געטער געלאזן.

כה.

דער האז
מיט דעם פלוצלונגן שפרונג האט דיך דערשראקן —
האסט אויפגעציטערט און הויך אויף'ן קאל זיך צעלאכט.

דאס האב איך דעם האז פון צווישן די קוסטעס אויף'ן וועג ארויסגעטריבן:
איך האב געוואוסט אז ער וועט דיך דערשרעקן —
נאר אומזיסט האב איך געווארט,
זאלסט פאר שרעק אין מיינע ארעמס זיך ווארפן,
און מיט מיין פרייד און ליבע איך זאל שטילן דיין הארץ.

כו.

די בלום —
איר דופט איז מיין אטעם.
טרינקסטו דעם זיסן אראמאט,
קוקסט צום הימל און ווייסט ניט,
אז ניט די זון,
נאר מיין ליבע האט דעם קנאספ צעווארעמט און צעוויקלט.

אין פרימארגן,
מיט מיין קוש, ווי די זון, די בלום כ'עפן אויף;
און פארנאכט,
מיט מיין קוש, ווי די זון, די בלום כ'פארשלים.
ווערסטו א פארכאלעמטע אין פרימארגן מיין קוש מיט דעם טוי ווען אויסטרינקען —
און שענקען ווערסטו מיר צוריק דיין בליק
און דיין ליבע.

כז.

האסט אנגעקלאפט אין טיר.
איך האב דיין קלאפן, ווי פון א גוטן פריינט, דערקענט,
און א פריידיקער, מיט אפענע ארעמס, בין איך ארויס דיך באגעגענען —
טא פארוואס האסטו זיך נאך טיפער אין שווארצן שלייער געהילט?
דעם פאנים פון מיר פארוואס האסטו באהאלטן?

איז דאך די נאכט א ליכטיק־שמייכלענדע געשטאנען,
די ווערבע האט זיך געשאקלט, געמורמלט אין אוונט־געבעט —
טא פארוואס האסטו דיין הארץ ניט געעפנט,
און די קוואלן פון ליבע פארוואס האסטו פאר מיר פארשלאסן?

האב איך דאך בעטנדיק צו דיר געשטרעקט מיינע הענט;
האט דאך מיין טראט שאטנדיק־שטיל אין בענקשאפט צו דיר געזונגען —
טא פארוואס האסטו דיין אויער טויב געהאלטן פאר מיין ליד?
פארוואס האסטו מיין ליד מיט גלייכגילטיקייט אויפגענומען,
און מיין אומרו מיט דיין שווייגן געשטיקט?

צו וואס האסטו אנגעקלאפט אין מיין טיר?
צו וואס האסטו מיך ארויסגעפירט
און מיך געלאזן אליין?

כח.

פון די שפּיץ בערג האָב איך צו דיר גערופן;
פון איבער די וואָלקנס האָב איך צו דיר אַראָפּגעקוקט.
און ווי דער פּאַזאַן, מיינע שענסטע פּעדערן, האָב פאַר דיינע פים געשפּרייט;
דאָך האָסטו אויף מיין רוף ניט געענטפערט.
אויף די שפּיץ־בערג מיך געזען און דעם קאָפּ אָפּגעקערט...

וועל איך שטאַרקער אויפהויבן מיין שטים.
מיט מיין גאַנצער שיינקייט וועל איך צו דיר זינגען,
מיט די שמעקעדיקסטע פעלד בלומען וועל איך קומען צו דיין טיר,
און וועסטו אויף מיין ליד ניט ענטפערן —
וואָד!
מיט טויזנט אויגן לויערן
וועל איך איבער דיר —
אין נאַכט.

אין הורבע

וואָלקנס ציען,
זעגלען,
שיפן אינ׳ם ווייטן, בלויען רוים;
טראָג מיט זיי זיך,
פלי מיין רייטער!
פונ׳ם לעבן וואָס נאָר ווייטער —
שענער איז דער טרוים.

אין ביבליאָטעק

איבער ביכער דעם קאָפּ געבויגן
מיט דאָרשטיק־אָנגעשטרענגטע אויגן,
אין אַטעמלאָזער שטילקייט —
זיצן יונג און אַלט.

אין גרויסן צימער גראַם און לופטיק,
די ווייזהייט אָטעמט ווי צווייט דופטיק,
פאַרשיקערט פונ׳ם וואָרט געטראַנק
וואַקלען יונג און אַלט.

ווי שאָטענס, שטום אַרום ד׳ביכער ווענט
שלייכן טאַפּנד אום גריבלענדע הענט,
אין הייליקער פאַרטיפקייט —
זוכן יונג און אַלט.

אין ווינקל פאַר זיך באַם טיש גאַנץ שטיל
אַ מיידל זיצט איבער שריפטן פיל,
און שעפּטשענד, ווי אין טפילע,
ענטפערט יונג און אַלט.

נאך היינט

...אט נאך היינט וועט די זון אויסגעלאשן ווערן,
פארגיין דער טאג וועט, מיין טאג..
פון אויפן בארג,
אונטערן בארג
שפארזאם און קארג,
וועט אויסגיין מיין זון און ניט ווערן..

וועט קומען די נאכט, די לאנג געגארטע נאכט,
און בלייכן וועט א שטערן...
פון אויפן בארג,
איבערן בארג,
שפארזאם און קארג,
וועט אויסגיין דאס ליכט —
וואס וועט ווערן ?

פינסטער !

און א זון איז דער נאכט, דורך דער נאכט וועט אויפגיין..
און א טאג נאך א טאג מיט דער זון וועט פארגיין..

Caprice Fantaisie.

ביסט יונג,
און רויזן־רייך איז דיין כאַלעם, רויזן־רייין.
ניט פרעג
וואו נעמט די נאַכט
איר ווייכן שאָטן, שטילע שאָען, בלייכן שטויב,
פון זילבער האַלבע־לעוואַנעס זעגלענדע,
פּראַפּילן
פון יונגפרויען
אין נעבעט.

ניט פרעג.
דיין רויזן־רייינער כאַלעם צעצינט
און מאַכט רויטער נאָך מיינע רויזן־רויטע וואונדן —
שווייג!
ברייננ אהער דעם ליים,
שטאָפּ אָן מיין ליולקע,
גיב מיר אַ שוועבל,
קוק.
איך וועל אויסקנעטן און זע:
גלידער לאַכנדיקע פון אַן אַכצן יאָריקער, פול באַגעריקע;
אויגן —
זונען־זינגענדע,
אַ קאַלע רייך נאָך טוילע,
שטראַלנד אויפ׳ן פּעדעסטאַל.
און איבער איר,
ווי אַ מאַנסטער שרעקענדיק,
שטייגט די אָפּשפּיגלונג פון אַ דעפאַרמירטן
מיט אויגן אויסגעלאַשענע.
און הענט —
פינגער ביינערדיקע,
אויסגעדרייטע,
וואָס פלעכטן זיך, דערנער־דאָרנדיק, אַרום איר קאָפּ.
טראָגט זי די קרוין,
רינט דאָס בלוט פון אירע שלייפן.

און שנירט אין אומגליק, בינדט אין שאנדע אירע פיס.

האסט די אויגן צעעפנט,
וואס גאפסטו,
וואס זוכסטו צו דערגיין ?...
יונג ביסטו,
און הער:
הויב אויף דיין האנט, —
נאר ווארט —
דעק צו דאס בילד

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לעש אוים די ליכט,
און שטיל דיין אטעם ניט צו הערן,
קוק ווי איך אין הימל —
שווייג...

אויפן טויט פון א כאַווער

מינע׳ן געווידמעט

נאָך
אַ כאַווער טויט,
נאָך אַ נומער איינגעקריצט אין זיקאָרן.

און אַט פאַרגייט די זון,
און פאַרבט אין טונקל־טיפן בלוי די בערג —
אַזויפיל לעבן!

א, וויפיל דווירעס,
און ווי לאַנג נאָך אין דער ווייטער אייביקייט וועט אייער בלוי־ווייכער רוקן
צערטלען און פאַרווינען דאָס בלאַנדזשענד־טרערענדע אויג —
איר בערג!

עס ציט מיין אויג זיך צו אייער העכסטן שפּיץ
און וויל אייער ריזיקייט קושן —
נאָר גלייך געפאַנגען פאַלט מיין בליק —
דאָ —
צווישן די בערגלאַך אַנגעשאָטענע און צעטראָטענע,
וואו איך לאָז מיין כאַווער איבער,
מיין ליבסטן פריינט.

נאָך אַ נומער,
צווישן נומערן האַלב אָפּגעמעקטע,
נאָך אַ בערגל צווישן בערגלאַך האַלב־צעטראָטענע,
נאָך אַ טרער,
נאָך אַ שטראַל, נאָך אַ שאָטן —
און פאַרגאַנגען איז די זון.

אויפן ראג גאס

א בעטלער אויפן ראג — א בלינדער איינגעבויגן,
און א „פוינל" מיט שמייכלענד־רופנדע אויגן
פאכעט מיט פלינלען פון ארימקייט
און זגוס.
און אין א ווינקל שטיל פארוקט
אן ארים־קינד מיט די אקסלען צוקט,
ציטערט פון קעלט, פון הונגער און וויי.
און איבער זיי
קופאלן הייליקע רופן מיט זייער גלאקן־שטים
„קלינג־קלאנג,
„קלינג,
„קלינג־קלאנג,
„קלינג,
„קלינג־קלאנג־קלאנג"
און צופרידענע קניען,
שיקן צו גאט א לויב געזאנג.

יאויכענען

סאלאמע,
יונגט'ס־ליידנשאפטלאכע, ווילד־צעלאזענע קינד,
ניט יאויכענען פארפירן קענסטו צו זינד..
מעגן, הירשן־פלינק, זיך טראגן דיינע פים,
מעגן, שוואנען־גלייך, פלאטערן דיינע הענט,
און זון הויך טראגן דיין שטאלצן אדלער־קאפ —
די ליפן וואס שיקן לויב צו גאט,
וועלן דיינע טייוועדיקע ליפען ניט באריךן.

טאנץ, סאלאמע,
טאנץ
דיין שלאנגען־שלייער טאנץ!
און זאלן אנקוועלן די אפנעפרעסענע,
זאלן לוסטיק, פריילאך זיין,
די שיקערע,
פארדארבענע פון וויין,
און איך וועל מיט מיין קאפ באצאלן,
פאר אייער שיקרעס,
אייער לוסט.

פריי
און ביליגער פון וויין איז מיין קאפ;
טייער,
טייערער פאר אלע הייליקטימער איז דיין טאנץ —
טא טאנץ, דו שלאנגען־קינד —
טאנץ!—
גרייט איז דער פרייז:

נעם מיין קאפ און שפּיל,
קוש מיינע טויט־בלאסע, קאלטע ליפּן,
און זאלן אויסגעלאסענע אפלאכן, נידערטרעכטיקע פארשפּייען
דעם געשענדעטן,
געקעפּטן,
וואס שטארבט אין זיינע ווייען
אַן אַ פלוד, אַן אַ קלאָלע אויף די ליפּן,
ווי נאר אַ הייליקער קען שטארבן —
און ווען עס גיסט זיך שטראָמענווייז זיין בלוט —
אייך פארגעבן,
פארגעבן אייך די זינד...

טאנץ,
סאלאמע,
דו שלאנגען־קינד —
טאנץ!

דער פישער און זיין פאנג.

ראזא ראאיסא'ן גענוידטעט.

כוואליעז כוואליעס,
כוואליעס, כוואליעס, כוואליעס,
כוואליעס יאגן, כוואליעס שלאגן, כוואליעס ברויזן אויף אין שוים ;
כוואליעס, כוואליעס, כוואליעס, כוואליעס,
כוואליעס שטילן, כוואליעס שפילן,
כוואליעס שליינגלען, שיפען ווי א קלאפער־שלאנג —
דאס דערציילט דער יאם א מייסע פון א פישער און זיין פאנג.

עס איז געווען אין מיטן עלול,
די לעוואנע, ווי א מערשיסל, איז געהאנגען, גרויס,
און די שטערן — אויגן ווי פון פיש אין נאכט ארויס
האבן פינקלענדיק גערופן,
ווען באם ברעג אין פרייד געדריקט,
אויגן פיר, אין טרוים נעצונדן, האבן ווייט צום יאם געבליקט.

און געזעגנט האט זיך דער פישער,
עס שפילן די כוואליעס,
עס קלינגט זיין ליד — א שטילער בייגקען יעדער קלאנג,
און עס שיפט פארשיפט זיין שיפל, אין בלויער נאכט, אין ווייטן פאנג.

און געזעגלט האט די לעוואנע,
געצויבערט און געקישעפט מיט איר בלייכן־ווייכן שיין,
און אט א כמארע האט זיך אנגעטראגן, ווי א מאנסטער, אין נאכט אריין,
און א שטורם האט זיך אויפגעהויבן,
זיך צעפליגלט און צעוויכערט, זיך צעפלאטערט און אוועק,
און געשליידערט ער האט די שיפל, ניט דערלאזן זי צום ברעג.

שטייט זיין ליבסטע,
קוקט און וואכט —
ערשט א פייער האט זיך אנגעצונדן און אויסגעלאשן זיך אין נאכט.
„א, דאס ברענט דארט, זינקט זיין שיפל“

אויפגעציטערט זי האט אין שרעק,
און ניט טראכטנדיק,
מיט די כוואַליעס זי איז אוועק...

און אויסגעבראכן האט דער הימל אין א ביטערלאַך געוויין,
און דער פישער, מיד באם רודער, בלינד, אין בלינדער נאכט אליין,
האט טפילעדיק, פול מיט הארץ, געבעטן...

און שטילער איז געווארן,
דער מאנסטער איז אוועק, דער שטורם האט איינגעשטילט זיין צארן,
די לעוואנע א נייע, פרייע איז ארויס,
און דער פישער, פול מיט פרייד, האט זיין ליד אויפגעהויבן,
אהיים געראדערט און געשיפט,
און ווי נאר דעם נעץ ער האט ארויסגעצויגן, —
אפגעשפרונגען,
פול מיט ווייטאק, טרויעריק און באנג,
ווילד אין שרעק, זיין שטימע, אין ווייטער נאכט, האט ווילד פארקלונגען
„גאט, מיין גאט, איז דאס מיין פאנג?"

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און לאנג,
דעם קאפ געבויגן, איז ער געזעסן, שטום געקוקט —
ווי אויפן וואסער, א זילבער פלעק, האט זיך אין בלייכן שיין געטוקט,
געבעטן — „לעבן! לעבן!"
און נאכ'ן פלעק, אין א זילבער־זעאונג, ער האט דעם יאם זיך אפגעגעבן...

כוואליען כוואליעס,
כוואליעס, כוואליעס, כוואליעס,
כוואליעס יאגן, כוואליעס שלאגן, כוואליעס ברויזן אויף אין שוים;
כוואליעס, כוואליעס, כוואליעס, כוואליעס,
כוואליעס שטילן, כוואליעס שפילן,
כוואליעס שליינגלען, שיפען ווי א קלאפער־שלאנג —
דאס דערציילט דער יאם א מייסע פון א פישער און זיין פאנג.

ווארף אראָפּ פון זיך דעם שלייער.

ווארף אראָפּ פון זיך דעם שלייער,
אַנטפּלעק דיין שאַנד,
הויב אויף דיין אויג, שטרעק אויס דיין האַנט,
טו טפּילע שטיל
און לאָז אויף די ווייסע טויבן־פליגל
דיין זינדיק האַרץ
דערהויבן.

ציִ אָן דעם שלייער און שלייך אַרויס.
בלויז איז די נאַכט, די לעוואָנע גרויס —
ער וועט דיין רוף דערהערן...
גיי שטיל,
גיי שטיל,
און היטן וועט דיך גאָט,
בענטשן וועלן דיך — די שטערן.

איהר האָט מיך פאַראורטיילט

איהר האָט מיך פאַראורטיילט.
נאָר זי, די לעוואָנע, מיין איידעס וועט זיין.
זי איז איבער מיין פענסטער געשטאַנען.
זי האָט אונדז געהילט אין איר גאָלד־בלייכן שיין.
זי האָט אַלעס געהערט און געזען.
און ניט איך
און ניט זי
וועלן אייך אין לעבן דערציילן.

איך טראָג אייער אורטייל און גיי ניט געבוינן:
ווייל פריי לייכט דער עמעס פון מיין הארצן ארויס,
און דער איידעס אין הימל
איז אויפריכטיק.
גרויס.

גלאָקנקלאַנג.

קלינגען גלאָקן,
רופן גלאָקן,
גלין־גלאָן! גלין גלאָן!
קלינגען, רופן, זאָגן אָן:
אין די וועלדער, אין די פעלדער,
דו אַרבעטסמאַן, דו אַרבעטספרוי;
אין די וועלדער, אין די פעלדער,
אין דעם פינקלדיקן טוי —
פלינגלט פרייע, פלעכט אַ קראַנץ,
פלינגלט פרייע, גייט אַ טאַנץ,
און זאָלן פויגלען זינגען, זינגען,
און זאָלן גלאָקן קלינגען, קלינגען
דאָס נייע ליד, דאָס פרייע ליד.

גלין־גלאָן! גלין גלאָן!
די זון גייט אויף, עס קרייט דער האָן,
און די פויגלען זינגען, זינגען,
און די גלאָקן קלינגען, קלינגען:
דיינס ד'אַקער און דער צווייט,
דיינס דער גאָרטן און דער שניט,
די טוואָועס קלייב צונויף און אויבסט,
און קלינג און זינג אין סערפּן קלאַנג
דאָס נייע־פרייע־פרייד געזאַנג.

גלין־גלאָן! גלין גלאָן!
די זון גייט אויף, עס קרייט דער האָן,
און די פויגלען זינגען, זינגען,
און די גלאָקן קלינגען, קלינגען:
דיינס די מילן און פאַבריק,
דיינס דער זעגל און די שטריק,
די יאָמען שנייד און שיף דעם טייך,
און קלינג און זינג אין רודער קלאַנג
דאָס נייע־פרייע־פרייד געזאַנג.

גלין־גלאָן ! גלין גלאָן !
די זון גייט אויף, עס קרייט דער האָן.
און די פויגלען זינגען, זינגען,
און די גלאָקן קלינגען, קלינגען :
דיינס די קוואַלן און די שאַכט,
דיינס דער ווילן און די מאַכט,
די ערד גראָב אויף און דריל און ברעך,
און קלינג און זינג אין האַמער קלאַנג
דאָס נייע־פרייע־פרייד געזאַנג.

קלינגען גלאָקן,
רופן גלאָקן,
גלין־גלאָן ! גלין גלאָן !
קלינגען, רופן, זאָגן אָן :
אין די וועלדער, אין די פעלדער,
דו אַרבעטסמאַן, דו אַרבעטספרוי ;
אין די וועלדער, אין די פעלדער,
אין דעם פינקלדיקן טוי —
פלינגלט פרייע, פלעכט אַ קראַנץ,
פלינגלט פרייע, גייט אַ טאַנץ,
און זאָלן פויגלען זינגען, זינגען,
און זאָלן גלאָקן קלינגען, קלינגען
דאָס נייע ליד, דאָס פרייע ליד.

בא די ברעגן

בא די ברעגן
וואכט דאס גרין־רויטע מאיאקן אויג,
וואכט —
עס זאל קיין אומגליק ניט געשען אין נאכט,
אין בלינדער נאכט.

בא די ברעגן
וואכט די אנגעצויגענע ווענדקע,
וואכט —
עס זאל דאס אומגליק געשען.
עס זאל געשען.

צאפלט זיך דאס פישל
און רייסט זיך ווילד אין ווייטאק צו די וואסערן צוריק —
צאפעלט,
קלאפט א הארץ פאר פרייד
אין ווילדן־פאנג
פאר גליק.

צעריים די סטרונעס

צעריים די סטרונעס.
אויף א פייקל קלאפ אוים דיין ליד,
האט א שטים פון מיין טיפסטן איך ארויסגעשריען.

לאד,
האסט ס׳רעכט אויף נאריש זיין!—
האב איך דאס בוך מיט די קלוגהייטן אוועקגעלייגט,
דעם שטויב פון די אויגן אויסגעוואשן —
דארף איך די ברילן ניט מער!

איצט זע איך אן פארגרעסער גלעזער
דעם טאג,
וואס איך האב שיר ניט פארלארן אין זוכעניש
פאר דאס אייביקע.

א דאנק דעם קינד

ס'האט דער טאג זיין זון,
און די נאכט האט אויך די לעוואנע און שטערענדלאך.
איך נאר
האב אז א פונק געבלאנדזשעט.

וואלקנס
האב איך אין כמארנע־שטורמדיקע טעג געעגאנוועט;
די פינסטערניש פון די נעכט האב איך באהאלטענערהייט געזויגן —
און בלינד בין איך געווען!

האט עס א קינד דערזען און זיך צעלאכט,
און זיין פרייער, פרישער קאל האט מיינע אויגן אויפגעמאכט
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
איצט זע איך ליכט,
א זון!
דיין שטראל,
דיין גאלד האב איך טיף אין הארצן איינגעשלאסן,
און רייך בין איך, און זענדיק, און גליקלאך ווי דאס קינד.

עסטער-בולבע מאָטקע-נאָז

קינדער לידער

פרילינג

קינדער,
דער פרילינג רופט —
באגריסט דעם פרילינג.

איר ליבסטע,
אין שמעטערלינג־פלינגלען געקליידט,
צענעמט די הענט,
לויפט,
שפרינגט, זינגט,
פאר אייך האבן די לאנקעס זייער גרינס אויסגעשפרייט.

אייער פרילינג!
רייסט די בלומען, פלעכט א קראנץ,
שליסט האנט אין האנט און גייט א טאנץ.
גרעסער,
גרעסער מאכט די ראד —
ניט געשטאנען,
עסטער־בולבע, מאטקע גאז.
אט אזוי, אט אזוי,
דרייט זיך, קינדער,
דרייט זיך,
דריי.
אייער פרילינג,
אייער מאי!
קינדער,
ט, קינדער, פריי!

קלאפּט דאָס פּייקל

קלאַפּט דאָס פּייקל, קלאַפּט דאָס פּייקל,
קלאַפּן הענטלאַך צו;
קלאַפּט דאָס פּייקל, קלאַפּט דאָס פּייקל,
קלאַפּן מיילכלאַך צו —
בו בו בו.

טאַנצן קינדער אין קאַראַהאַד,
טאַנצט די וועלט אַרום;
פאַלן קינדער אין קאַראַהאַד,
פאַלט די וועלט אויך אום.

קלאַפּט דאָס פּייקל, קלאַפּט דאָס פּייקל,
קלאַפּן הענטלאַך צו;
קלאַפּט דאָס פּייקל, קלאַפּט דאָס פּייקל,
קלאַפּן מיילכלאַך צו —
בו בו בו.

באַם טייכעל

זיץ איך מיר באַם טייכעלע,
הער איך צו זיין ליד,
כוואַליעט זיך דאָס וואַסערל,
רופט און ציט מיך מיט.

טו איך אויס די שיכעלאַך,
באָרוועס ווי איך שטיי,
לאָז איך מיינע שיפעלאַך
און איך גיי נאָך זיי.

ווינט זיך אום דאָס טייכעלע
ווינט זיך שטיל און מיד,
שפּילן זיך די כוואַליעלאַך,
זינגען זייער ליד.

פויגלען-שלאנגען

העכער , העכער פון די דעכער
פויגלען, פויגלען פליען ;
העכער, העכער פון די דעכער
שלאנגען, שלאנגען ציען.

פליען פויגלען איבער דעכער —
ווייסע, געלע פויגלען ;
פליען שלאנגען איבער דעכער —
ווייסע, געלע שלאנגען.

העכער , העכער פון די דעכער
פויגלען, פויגלען פליען ;
העכער, העכער פון די דעכער
שלאנגען, שלאנגען ציען.

אין רינגען

פליען טויבן, ווייסע טויבן,
טאַנצן שמעטערלינגען;
טאַנצן קינדער, קליינע קינדער
שליסן זיך אין רינגען.

קרייזן טייבעלאַך אין לופט,
שפּילן שמעטערלינגען;
דרייען קינדער זיך אין ראָד,
שליסן זיך אין רינגען.

וואָרקען טויבן, ווייסע טויבן,
שפּילן שמעטערלינגען;
שטיפן קינדער, שיינע קינדער
שליסן זיך אין רינגען.

קאַרליקעס

אין גאַלאָפּ, אין גאַלאָפּ
אויף ווייסע קליינע פערדלאַך,
אין גאַלאָפּ, אין גאַלאָפּ
מיט ווייסע לאַנגע בערדלאַך,
פאָרן קאַרליקעס אויף פערד,
פערד און בערד אין גאַלאָפּ —
האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!

טרעפן קאַרליקעס אין גאַלאָפּ —
האָפּ! האָפּ! האָפּ!
טרעפן קליינע קינדער,
טרעפן קאַרליקעס אין גאַלאָפּ —
האָפּ! האָפּ! האָפּ!
כאַפּן קליינע קינדער.

כאַפּן קאַרליקעס אין גאַלאָפּ —
האָפּ! האָפּ! האָפּ!
טראָגן קליינע קינדער,
טראָגן קאַרליקעס אין גאַלאָפּ —
האָפּ! האָפּ! האָפּ!
וויינען קליינע קינדער.

אין גאַלאָפּ, אין גאַלאָפּ
אויף ווייסע קליינע פערדלאַך,
אין גאַלאָפּ, אין גאַלאָפּ
מיט ווייסע לאַנגע בערדלאַך
פאָרן קאַרליקעס אויף פערד,
פערד און בערד אין גאַלאָפּ —
האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!

א פיקניק

בלומען, בלומען,
רויטע בלומען
פלעכטן מיר אין קראַנצן;
בלומען, בלומען,
ווילדע בלומען
פלעכטן מיר און טאַנצן.

פריש דאָס גראָז,
גרין דאָס גראָז,
אַז ערטל גאָר אַ שיינער;
מיך דאָס גראָז,
ווייך דאָס גראָז,
זעצט זיך יעדער איינער.

לידער, לידער,
ברויט און פוטער
עסן מיר און זינגען;
לידער, לידער,
באַרנעס, פלוימען
עסן מיר און שפּרינגען.

בלוי דער הימעל,
קלאָר דער הימל,
פויגלען סוויסטשען, פליען;
ריין דער הימל,
ווייט דער הימל,
קינדער קניפּלאַך ציען.

בלומען, בלומען,
רויטע בלומען
פלעכטן מיר אין קראַנצן;
בלומען, בלומען,
ווילדע בלומען
פלעכטן מיר און טאַנצן.

מיישעלע דער קליינער

אויף א פערדל
רייט א ריטער,
מיישעלע דער קליינער,
לויפט ער, פליט ער,
האפ! האפ! האפ!
כאפן קען אים קיינער.

אינ'ם טאל, ווייט, ווייט אין טאל
יאגט אים איציע־זאוול,
לויפט ער, פליט ער,
האפ! האפ! האפ!
טראגט זיך ווי א מכאבל.

ווייס דאס פערדל, ווייס ווי שניי,
מיט אן עק א לאנגן,
ווייס דאס פערדל, ווייס ווי שניי,
קען אים קיינער פאנגן.

אויפ'ן בארג ארויף, אראפ
יאגט אים שאלעם־פייוול,
לויפט ער, פליט ער,
האפ! האפ! האפ!
טראגט זיך ווי א טייוול.

אויף א פערדל
רייט א ריטער,
מיישעלע דער קליינער,
לויפט ער, פליט ער,
האפ! האפ! האפ!
כאפן קען אים קיינער.

אין מיין גערטענדל

האָב איך מיר אַ גערטענדל,
אַ גערטענדל
מיט בלימעלאַך גאָר פיל,
מיט בלימעלאַך גאָר פיל,
לויף איך טאָג נאָך טאָג אַרום,
יעט און שפּרינקל יעדע בלום
אין מיין גערטענדל,
אין מיין גערטענדל.

האָב איך מיר אַ גערטענדל,
אַ גערטענדל
מיט בלימעלאַך גאָר פיל,
מיט בלימעלאַך גאָר פיל,
טאַנצט דער שמעטערלינג אַרום,
טאַנצט און קושט איעדע בלום
אין מיין גערטענדל,
אין מיין גערטענדל.

האָב איך מיר אַ גערטענדל,
אַ גערטענדל
מיט בלימעלאַך גאָר פיל,
מיט בלימעלאַך גאָר פיל,
שפּרינגט די האָניק־בין אַרום,
שפּרינגט און זוינט איעדע בלום
אין מיין גערטענדל,
אין מיין גערטענדל.

האָב איך מיר אַ גערטענדל,
אַ גערטענדל
מיט בלימעלאַך גאָר פיל,
מיט בלימעלאַך גאָר פיל,
לויף איך טאָג נאָך טאָג אַרום,
ריים און קלייב מיר בלום נאָך בלום
אין מיין גערטענדל,
אין מיין גערטענדל.

ווינטער־וויכער

ווינטער־וויכער, דריי,
ווינטער־ווייסער, ווײַ —
ווײַ, ווײַ, ווײַ,
און ברײַנג אַ שניי
פֿאַר די קלײנע קינדער,
פֿאַר די שײנע קינדער.

וועלן קינדער אין׳ם שניי,
אינ׳ם ווײַסן, ווײכן שניי,
קײַקלען זיך און שליטלען
און זײדע־ווינטער׳ס,
ווינטער־ווײַסע־קיטלען.

ווינטער־אַלטער, קום,
ווינטער־קאַלטער, ברום —
ברום, ברום, ברום,
דעם טײַך מאַך שטום
פֿאַר די קלײנע קינדער,
פֿאַר די שײנע קינדער.

וועלן קינדער אויפ׳ן אײַז,
אויף דעם האַרטן, קאַלטן אײַז
לוזשבען זיך און שליטלען
אין זײדע־ווינטער׳ס,
ווינטער־ווײַסע־קיטלען.

ווינטער־ווייסער

שנייעלאַך ווייסינקע,
שטערנדלאַך זילבערנע,
פאַלן און שפּרייטן
און דעקן אַלץ איין.

ליכטעלאַך קליינינקע,
היטעלאַך שיינינקע
שימערן, גלימערן
אין זילבערנעם שיין.

גלעקעלאַך קלינגענדע,
אויגעלאַך צינדענדע
קלינגען און רופן:
אַהער קומט, היי!

קינדערלאַך שיינינקע,
שליטעלאַך קליינינקע
פאָרן און שניידן
דעם פּוכיקן שניי.

ווינטען ווייען

ווינטען ווייען, פאלן שנייען,
דרייען שנייען הויכע בערג,
בערג,
בערג,
בערג.

און פון ד׳בערג דער זיידע־ווינטער,
גליטשן שלייפט ער, טרוימען שפינט ער,
צעקאמט זיין בארד אין וועגן צוויי
און רופט: „קומט, קינדער, אהער אין שניי!“

און מיט פלייס און פרייד די קינדער
מאכן מענטשן גאר א וואונדער!
ווארפן זיך מיט קוילן קאלט־הארטן שניי
און גליטשן שוסטער, שניידער איינס־און־צוויי.

ווינטן ווייען, פאלן שנייען,
דרייען שנייען הויכע בערג,
בערג,
בערג,
בערג.

אויפ׳ן אייז

פרישער שניי,
אט איינס־און־צוויי,
פארוויים, פארוויים גליטשן —
גליטש, גליטש, גליטש,
וויו־הו־הו —
באך!

גלייך אויפ׳ן אייז,
פאלט ווי א גרייז,
שטערן פון די אויגן בליצן —
בליץ, בליץ, בליץ,
אוי־אוי־אוי —
אך!

און ראד אריין,
און ראד ארויס,
אויף לוזשבעם קליין און גרויס;
שניידן גלייך,
שניידן קרום,
פליען, כאפן זיך ארום.
און־איינס־און־צוויי
פארשארט דעם שניי,
ראד־אריין —
מ׳שארפט דעם אייז.

אין שולע

יצחק ראַנטש געװוידמעט.

ק י נ ד ע ר :

אין שולע, אין שולע.
שפּילן מיר, זינגען מיר.
טאַנצן מיר, שפּרינגען מיר.
דרייען זיך אין ראָד.
אין קאַ־ראַ־האָד!
אין קאַ־ראַ־האָד!

דרייט דער לערער, דרייט דאָס ראָד.
מאָלט ער װערטער װי די קערנער.
קייט מען װערטער װערט מען לערנער
אַט אַזױ, אַט אַזױ —

ל ע ר ע ר :

גײן —
איינצאָל:
איך גײ,
דו גייסט.
ער גייט,
מערצאָל:
מיר גייען.
איר גייט,
זײ גייען.

ק י נ ד ע ר :

גיין, גיין — לערנען מיר,
שפּילן מיר, זינגען מיר,
טאַנצן מיר, שפּרינגען מיר,
דרייען זיך אין ראָד,
אין קאַ־ראַ־האָד !
אין קאַ־ראַ־האָד !

נ. ב. די קינדער, דרייענדיק זיך אין קאַראַהאָד, זינגען די ערשטע צוויי פערזן, שטעלן זיך אָפּ, לאָזן אָפּ די הענט; דער לערער גייט איבער די איבונג פון וואָרט, נאָכער שליסן זיי ווידער די הענט און טאַנצנדיק אין קאַראַהאָד זינגען זיי דעם לעצטן פערז.

הינער־הענער־טאַנץ

האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!
שפּרינגען מיר ווי הינער,
קרייען מיר ווי הענער —
ווער ס'איז קלענער,
ווער ס'איז קלענער
זאָל אַריין, אַריין אין ראָד;
ווער ס'איז קלענער,
ווער ס'איז קלענער
זאָל אַריין אין ראָד.

האָפּ! האָפּ!
דרייט די ראָד.
דרייט אַריין און דרייט אַרויס,
שפּרינגט די הון, קרייט דער האָן —
קליינע גייען אַרויס פון קאָן.

האָפּ! האָפּ! האָפּ! האָפּ!
שפּרינגען מיר ווי הינער,
קרייען מיר ווי הענער —
ווער ס'איז שענער,
ווער ס'איז שענער
זאָל אַריין, אַריין אין ראָד;
ווער ס'איז שענער,
ווער ס'איז שענער
זאָל אַריין אין ראָד.

האָפּ! האָפּ!
דרייט די ראָד.
דרייט אַריין און דרייט אַרויס,
שפּרינגט די הון, קרייט דער האָן —
שיינע גייען אַרויס פון קאָן.

אין בלינדעניש

ק י נ ד ע ר :

מיט א טיכל אויף די אויגן
גייט א בלינדער,
טאפט און קלאפט
און זוכט די קינדער —

שטופּן אים אָפּ :

גייט און טאפּ,
טאפּ און כאפּ,
ווער אוים בלינדער,
זיי א כוואט.

רייצן זיך :

אהער, אהער,
דו בלינדער בער.
אהא !
בלינד דיין טאפּן,
וועסט קיינעם כאפּן.
אט ! אט ! אט !
שיר ניט, שיר !
וואס סטו געטרונקען,
קוואס צי ביר ?
גייסטו גלייך, גייסטו קרום,
וועמען זוכסטו איצט ארום ?
אט ! אט ! אט !
אהא !
ער האט דערטאפּט,
ער האט געכאפּט —
בער, דו בלינדער,
ביסט א כוואט.

אין וואַלד.

כאָר:

אינגעלאַד, מיידעלאַד —
לאַד, לאַד, לאַד,
לאַד, לאַד, לאַד,
קלייבן יאַגדעלאַד,
בלימעלאַד —
לאַד, לאַד, לאַד,
לאַד, לאַד, לאַד,

וויַיט, וויַיט אין וועלדעלע —
וויַיט, וויַיט, וויַיט,
צווישן יאַגדעלאַד און בלומען,
צווישן יאַגדעלאַד און בלומען;
וויַיט, וויַיט אין וועלדעלע —
וויַיט, וויַיט, וויַיט,
האָבן אינגעלאַד, מיידעלאַד געפונען,
האָבן אינגעלאַד, מיידעלאַד געפונען.

אינגעלאַד:

מיידעלאַד, מיידעלאַד —
לאַד, לאַד, לאַד,
וואָס טוט איר דאָ אין וואַלד?
וואָס טוט איר דאָ אין וואַלד?

מיידעלאַד:

בלימעלאַד, בלימעלאַד —
לאַד, לאַד, לאַד,
קלייבן מיר אין וואַלד,
קלייבן מיר אין וואַלד.

כאר:
ווייט, ווייט אין וועלדעלע —
ווייט, ווייט, ווייט,
צווישן יאגדעלאך און בלומען,
צווישן יאגדעלאך און בלומען;
ווייט, ווייט אין וועלדעלע —
ווייט, ווייט, ווייט,
האבן מיידעלאך, אינגעלאך געפונען,
האבען מיידעלאך, אינגעלאך געפונען.

מיידעלאך:
אינגעלאך, אינגעלאך —
לאך, לאך, לאך,
וואס טוט איר דא אין וואלד?
וואס טוט איר דא אין וואלד?

אינגעלאך:
יאגדעלאך, יאגדעלאך —
לאך, לאך, לאך,
קלייבן מיר אין וואלד,
קלייבן מיר אין וואלד.

כאר:
אינגעלאך, מיידעלאך —
לאך, לאך, לאך,
לאך, לאך, לאך,
קלייבן יאגדעלאך,
בלימעלאך —
לאך, לאך, לאך,
לאך, לאך, לאך.

כאַסן־קאַלע

קינדער:

איהאַ, איהאַ! אַ אינגעלע;
איהאַ, איהאַ! אַ מיידעלע —
טאַנצן כאַסן־קאַלע,
טאַנצן כאַסן־קאַלע.
איהאַ, איהאַ! אַ אינגעלע;
איהאַ, איהאַ! אַ מיידעלע —
טאַנצן מיר אַרום,
טאַנצן מיר אַרום,
קלאַפּט דאָס פּייקל —
בום! בום! בום!

מיידעלע:

כאַסעלע, כאַסעלע, וואָס סטו טאָן
ווען דיין טאַטעלע וועט דעם שידאַך שטערן,
דעם שידאַך שטערן?

כאַסעלע:

איכל מיט מיין קאַלעלע גיין,
איכל מיט מיין קאַלעלע גיין,
איכל קיינעם ,קיינעם ניט הערן,
קיינעם ניט הערן.

אינגעלע:

קאַלעלע, קאַלעלע, וואָס סטו טאָן
ווען דיין מאַמעלע וועט דעם שידאַך שטערן,
דעם שידאַך שטערן?

קאַלעלע:

איכל מיט מיין כאַסעלע גיין,
איכל מיט מיין כאַסעלע גיין,
איכל קיינעם, קיינעם ניט הערן,
קיינעם ניט הערן.

קינדער:

איהא, איהא! א איננעלע;
איהא, איהא! א מיידעלע —
טאנצן כאסן־קאלע,
טאנצן כאסן־קאלע.
איהא, איהא! א איננעלע;
איהא, איהא! א מיידעלע —
טאנצן מיר ארום,
טאנצן מיר ארום.
קלאפט דאס פייקל —
בום! בום! בום!

א רעטעניש

פ ר א ג ע :

א רעטעניש מיט א הון,
א רעטעניש מיט א הון —
ווער פון אייך קען דעם רעטעניש טרעפן ?
ווער פון אייך קען דעם רעטעניש טרעפן ?

א הון איז געגאנגען און געלייגט אן איי,
איינס־צוויי, איינס־צוויי,
ניט געטראכט !
איינס־צוויי, איינס־צוויי,
ווער ווייס ווי אזוי,
ווער ווייס ווי אזוי
די הון געלייגט, געלייגט האט די איי ?

ע נ ט פ ע ר :

איך ווייס ווי אזוי : —
די הון האט געגעבן מיטן עק א דריי,
ארויסגעפאלן איז די איי !
ניט אזוי ? ניט אזוי ?

כ א ר :

יע, דו האסט געטראפן !
האסט געטראפן !

פ ר א ג ע :

א רעטעניש מיט א האן,
א רעטעניש מיט א האן,
ווער פון אייך קען דעם רעטעניש טרעפן ?
ווער פון אייך קען דעם רעטעניש טרעפן ?

א האן איז געגאנגען און געגעבן א קריי,
איינס־צוויי, איינס־צוויי,
ווער וויים ווי אזוי,
ווער וויים ווי אזוי
דער האן געגעבן, געגעבן האט א קריי?

ע נ ט פ ע ר :
איך וויים ווי אזוי: —
דער האן האט געגעבן מיטן קאפ א דריי,
ארויסגעקומען איז דער קריי!
ניט אזוי? ניט אזוי?

כ א ר :
יע, דו האסט געטראפן!
האסט געטראפן!

פאיאץ

איז א מיץ מיט גלעקלאך —
קלינג־קלינג־קלונג!
קלינג־קלינג־קלונג!
איז א מיץ מיט גלעקלאך.
איך גיב א טאנץ, איך גיב א שפרונג,
און ס׳ברומט דער פויק
און ס׳פלאצט די טאץ: —
פאיאץ!
פאיאץ!

איז א מיץ מיט גלעקלאך —
קלינג־קלינג־קלונג!
קלינג־קלינג־קלונג!
איז א מיץ מיט גלעקלאך.
איך גיב א קריי, איך גיב א זונג,
און ס׳ברומט דער פויק
און ס׳פלאצט די טאץ: —
פאיאץ!
פאיאץ!

איז א מיץ מיט גלעקלאך —
קלינג־קלינג־קלונג!
קלינג־קלינג־קלונג!
איז א מיץ מיט גלעקלאך.

איך זאג א ווייץ און גיב א וואונק,
און ס׳ברומט דער פויק
און ס׳פּלאצט די טאץ: —
פּאיאץ!
פּאיאץ!

אין א מיץ מיט גלעקלאך —
קלינג־קלינג־קלונג!
קלינג־קלינג־קלונג!
אין א מיץ מיט גלעקלאך,
איך לאך אייך אויס און שטעל — א צונג,
און ס׳ברומט דער פויק
און ס׳פּלאצט די טאץ: —
פּאיאץ!
פּאיאץ!

א געשפרעך מיט א קינד

שעוועץ גענווידמעט.

א.

דו ווילסט אויפ'ן האנט, און דו ביסט דאך שוין א גרויס קינד. שעמסטו זיך נארניט אויפ'ן האנט צו בעטן?

געדיינקסט דאך לעצטע נאכט: — דו האסט געוויינט, ניט געוואלט גיין און נאר אויפ'ן האנט זיך געריסן. האב איך דיר אויפ'ן האנט גענומען, און פאר־שוואומען איז די לעוואנע אונטער א וואלקן און פאר כארפע זיך דאס פאנים פאר־דעקט, און פינסטער איז געווארן, פינסטער.

האב איך דאך דיר געזאגט, ווען דו וועסט פון האנט ארונטערגיין, וועט די לעוואנע צוריק פון צווישן די וואלקענדלאך א ליכטיקע ארויסשווימען. האסטו מיר געפאלגט, און ווי נאר דו ביסט פון האנט ארונטערגעגאנגען, איז זי ווידער א גרויסע, א ליכטיקע ארויס. און דו האסט זיך אזוי געפרייט און געלאכט.

און געדיינק: האסט צוגעזאגט מער אויפ'ן האנט ניט צו גיין. די לעוואנע האט עס געהערט און אויך די שטערנדלאך געדיינקען דיין צוזאג. ווילסטו איצט ווידער אויפ'ן האנט? ווילסטו די לעוואנע ווידער צווישן די וואלקענדלאך פארטרייבן?

נאר דו ווילסט ניט אויפ'ן האנט? ביסט א גרויס קינד. אליין, אליין וועלן דיינע פיסעלאך גיין; אליין, אליין וועט מיין אינגעלע גיין.

ב.

דו וויינסט, מיין קינד, און דו זעסט ניט ווי דיינע פול־פלאמיקע, שווארצע אויגן ווערן קלענער, שמעלער און שמעלער. ווי שנירלאך, ווי זילבער־זיידענע פעדים, וועבן דורך דיינע רויט־גליהענדע עפל־באקן, און ווי דיינע ליפעלאך ווערן איינגעצויגן און צעקרימט און מיעס אזוי.

ווען דיינע כאוויירים זאלן דיך איצט דערזען, וואלטן זיי אויך אויפ'ן קאל זיך צעלאכט, און, ווי נאכן קרומען, וואס גייט און שפילט פון הויז צו הויז, וואלטן זיי דיר נאכגעלאפן.

נאר קיינער וועט פון מיין קינד ניט לאכן, קיינער וועט מיין קינד א ווייד נענדיקן ניט זען.

הער אויף צו וויינען, מיין קינד! ווילסט דאך ניט אויסלעשן דעם פייער פון דיינע שווארצע־פול־פלאמיקע אויגן מיט דעם יאם פון טרערן; ווילסט דאך ניט פארבלייבן מיט די שנירלאך זילבער־זיידענע פעדים אויף דיינע רויט־גליהענדע עפל־באקן; ווילסט דאך ניט אז דיינע צעקרימטע, איינגעצויגענע ליפן זאלן שוין אויף אייביק אזוי פארבלייבן — טא הער אויף צו וויינען, מיין קינד, הער אויף!

נאר דו ווילסט ניט אויפהערן, און דיינע אויגן ווערן קלענער און קלענער, שמעלער און שמעלער, און באלד וועט מען שוין גאר קיין אויגן ניט זען, וועלן די כאוויירים, ווי דעם אלטן זיידן, א בלינדן דיך פירן — און דו ווילסט דאך בלינד ניט זיין!

מיין קינד וועט קיינער ניט פירן. מיין קינד האט גרויסע, ליכטיקע, שווארצע־פול־פלאמיקע אויגן, און אלע ווילן זיינע אויגן זען. לאמיר נאר ארייקוקן אין דיינע אויגן — אט אזוי, הער אויף צו וויינען, מיין קינד, הער אויף!

ג.

ווען די לעוואַנע לייכט אויף און מיט איר די טויזנטער שטערנדלאַך, וואַשן זיך די קינדער דאָס פּאָנים און די הענט, פאַרקאַמען זיך די האָר און גייען ריינע און זויבערע שלאָפן.

די לעוואַנע האָט פיינט שמוציקע קינדער. זעט זי אַ שמוציק קינד, קערט זי אָפּ דעם קאָפּ און קוקט מער אין זיין פענסטער ניט אַריין. און דו האָסט דאָך ליב די לעוואַנע, וואָלסט דאָך וועלן אַז זי זאָל שטענדיק אין דיין פענסטער קוקן — טאָ פאַרוואָס האָסטו דעם פּאָנים ניט אָפּגעוואַשן, און די הענט, זע, ווי פאַרשטויבט און שמוציק זיי זיינען.

און גייט אַ קינד מיט שמוציקע הענט שלאָפן, זעט ער שלעכטע כאַליימעס אין שלאָף. קומט אַ באַבעצע אויף אַ גרויסן בעזים צורייטן, לויפן אים נאָך ווילדע הינט, און וועלף אין געיעג לויפן אים נאָך און ווילן אים ביסן.

און מיין קינד וועט שלאָפן רוהיג באַנאַכט. ווערסטו דאָך אָפּוואַשן די הענט און זיך די האָר פאַרקאַמען.

און גייט אַ קינד שלאָפן מיט צעשויבערטע האָר, קומען בעטלער מיט אויסגעטריקענטע ריטער און קאַמען זיין קאָפּ. נאָר מיין קינד וועט קיינער ניט קאַמען. אליין וועט ער זיך אָפּוואַשן דאָס פּאָנים און די הענט, אליין וועט ער זיך פאַרקאַמען, אליין וועט ער זיך אויסטאָן און שלאָפן גיין.

וועט קומען די לעוואַנע און אַ קוק טאָן אין דיין בעטל, און שמייכלען; — אַ גאַנצע נאַכט וועט די לעוואַנע איבער דיין פענסטער שטיין.

מיין קינד וועט אַ ריינער, אַ זויבערער גיין שלאָפן, און שמייכלענדיק כאַלעמען פון אַ גרויסן, ווייסן פערד.

ד.

זע, מיין קינד, האסט די בלימעלאך צעטראטן. זע ווי זיי האבן די קעפלאך אראפגעבויגן, ווי זיי ליגן און וועלקן. מען טאר ניט טרעטן אויף קיין בלומען, מיין קינד, מען טאר ניט!

בלימעלאך, ווי קינדער קליינע, האבן ליב זון, און, ווי די קינדער, האבן די בלימעלאך ליב וואסער צו טרינקען. און וועסטו מיט מיר מארגן גאנץ פרי אין גארטן ארויסגיין, וועל איך דיר ווייזן ווי די בלימעלאך צעעפענען די קעפלאך אין דער זון. איך וועל דיר א וואסער־קענדל געבן, וועסט אים מיט וואסער אנפילן, און די בלימעלאך באשפריצן. און די בלימעלאך וועלן דאס וואסער טרינקען, און אין דאנקבארקייט ארויסאטעמען זייער דופט, און זייער פארב וועט זיך נאך טויזנטער מאל צעשפילן און ליכטיקער, פארביקער ווערן.

האסט דאך ליב די בלומען און זייער זיסן דופט. וועסט דאך אויפפאסן אויף די בלומען, מיין קינד, און זיי היטן.

ה.

האסטו עס דעם שמעטערלינג געכאפט? דאס האסטו זיך נאך דעם שמעטערלינג געיאגט, און דערפאר האסטו עס די בלומען צעטראטן. ניט שיין, מיין קינד, ניט שיין!

זע וואס דו האסט פון דעם שמעטערלינג געמאכט. האט דיר ניט וויי געטאן צו זען ווי ער האט זיך פון דיינע הענט געריסן, ווי ער האט אין דיינע הענט געפלאטערט און זיך צו באפרייען געזוכט?

און דו האסט עס אזוי אומראכמאנעסדיק אים די פליגעלאך אפגעריסן, און א מאכטלאזן אים געלאזט פויזשען אויף דער ערד.

ווייסטו אז דעם שמעטערלינג האט וויי געטאן ווען דו האסט אים אין האנט געהאלטן, שטארק וויי געטאן ווען דו האסט אים די פליגעלאך געפליקט?

נאר מיין קינד האט ניט געוואוסט אז אויך א שמעטערלינג טוט וויי — דו קוקסט מיך אן — גאר פארוואונדערט, א? נו קום אהער. אט לאמיר פרובירן דיר א הענטעלע אפרייסן, — נאר דו לאזט ניט, א? דו ווייסט ס'טוט וויי.

טא פארגעס ניט, געדיינק זשע, זאלסט מיר נאך קיין שמעטערלינגען ניט לויפן, זאלסט מער קיין פליגעלאך ניט רייסן און קיין בלומען ניט צעטרעטן.

שמעטערלינגען און בלומען זיינען פאר מיין קינד. מיין קינד וועט זיך אין גארטן צווישן בלומען און שמעטערלינגען שפילן, און ווי דער שמעטערלינג וועט מיין קינד א ליכטיקער פלאטערן אין פרייד.

ו.

וואס זע איך ? וואו האסטו די פויגעלאך גענומען, די א, קליינע, פיטשינקע פויגעלאך ? געווים פון א נעסט ארויסגעגאנוועט, פון דער מוטער־פויגל אוועקגערויבט. און די א, קליינע, פיטשינקע פויגעלאך פיסטשען, פיסטשען, בעטן זיך צו דער מאמען, צו דער מאמען.

און מיין קינד האט אויף דעם אלט־פארצווייגטן בוים ארויפגעקלעטערט און פון דארט די פויגעלאך אוועקגערויבט. וועט דער בוים איצט פאר קאס שאטנס שווארצע וועבן, אין פארנאכט. וועלן גרויסע, שווארצע שאטנס זיך שפרייטן, ציען ביז צום הויז און אין הויז אריין, און מאנען וועלן די שאטנס פון מיין קינד, מאנען, מאנען : גיב מיר צוריק די פויגעלאך, גיב צוריק ; גיב מיר צוריק די פויגעלאך, גיב צוריק.

וועט דאך מיין קינד די קליינטשינקע גלייך צו דער מוטער־פויגל אין נעסט אוועקטראגן. וועט דאך מיין קינד, די שווארצע שאטנס ניט אריינפירן אין מיין הויז, און דעם געברום פון די צווייגן וועסטו דאך אין מיין הויז ניט ברייננען.

טראג צוריק די פויגעלאך אין זייער נעסט אוועק. אט זע, עס שפרייט שוין דער בוים, אין צארן, שאטנס ברייט און לאנג. זע ווי זיי ציען, און באלד וועלן זיי אונדזער הויז דערגרייכן, אין הויז אריין.

טראג גיכער די קליינטשינקע צו דער מוטער־פויגל אין נעסט אוועק. ביסט דאך א גוט־קינד — טא טראג גיכער, מיין קינד, גיכער, גיכער.